STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01343

# VI AZOY MENTSHN HOBN ZIKH OYSGELERNT BOYEN VOYNUNGEN

L. B. Chavkin

*Permanent preservation of this book was made possible by Elliot Gould*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נאציאנאלע יידישע ביכער עקסטשיינדזש
National Yiddish Book Exchange
1063

ל. ב. כאַווקין.

# ווי אזוי מענטשן האבן זיך אויסגעלערנט בויען וואוינונגען.

איבערגעזעצט פון רוסיש
ז. וועגדראוו.

פאַרלאַג
„דאס בוך"
ביאַליסטאָק.

№ 24.

1921.

פארלאג
דאס בוך
ביאליסטאק

# I.

אַ פויער, וואָס פאַלט אַרײַן דאָס ערשטע מאָל אין שטאָט, ווערט שטאַרק פאַרוואונדערט דערפון, וואָס שטאָט-לײַט לעבן גאָר אנדערש ווי אין דאָרף: די בנינים זײַנען דאָ אַנדערע, באַקוועמ-לאַכקײַטן זײַנען דאָ מערער, און אַלץ איז בעסער צוגעפּאַסט. אַ נאמאד — אַ וואַנדערער וואָס גייט איבער פון אָרט צו אָרט און וואַרפט פונאַנדער זײַן געצעלט הײַנט דאָ און מאָרגן — פאַר צענדליקער וויאָרסט ווײַטער, — וועט, דאָס גלײַכן, געפינען אַז דאָס דאָרפיש הײַזל איז קײַן ערך ניט פרײַער און באַקוועמער ווי זײַן וואַנדער-געצעלט.

דעם חלוק צווישן בנינים קאָן מען באַמערקן אין יעדער לאַנד. בײַ אונז, אין רוסלאַנד, למשל, וואוינען די קליין-רוסן ניט ווי די גרויס-רוסן, די טאָטערן — ניט ווי די פינלענדער און אומעטום לעבן די שטאָט-לײַט ניט ווי די דאָרף-לײַט. אַז מיר וועלן פאַרגלײַכן צווישן זיך פאַרשיידענע לענדער, וועלן מיר אויך זען, אַז ניט אומעטום זײַנען די וואוינונגען אײַנגעאָרדנט אויף איין אופן.

נאָך מער, אַז מיר וועלן זיך איבערטראָגן אין אונזערע געדאַנקען מיט הונדערטער און טויזנטער יאָרן צוריק, וועלן מיר זען, אַז אין יעדער לאַנד האָבן זיך אין יענע צײַטן בנינים געבויט ניט ווי איצט. געלערנטע פאָרשן אויס אַלערליי אַלטער-טימלאכקײַטן — די רואינען, די חורבות פון פאַרצײַטיקע שטעט

און הײַזער, די כלי-בית, די כלי-זין, די מלבושים, וואָס מען געפינט אין זיי, די געמאָלאַכצן און אויפשריפטן אויף די ווענט, די מעשיות און מסורות פון פאַרצײַטן. דאָס אַלץ ווערט געטאָן, כדי צו מאַכן זיך אַ השגה וועגן דאָס לעבן פון פאַרשיידענע פעלקער אין פאַרשיידענע צײַטן. און מערקווירדיק די אויספאָרשונגען פון די אַלטערטימלאַכקײַטן באַווײַזן אונז, אַז אונזערע סאַמע ווײַטסטע אור-אור-עלטערן, די פרימיטיווע מענטשן האָבן געפירט פונקט אַזאַ מין ארט לעבן, ווי איינזיקע פון די איצטיקע ווילדע מענטשן. ביסלאַכוויַיז, אמת זייער לאַנגזאַם, האָבן זיי דערוואָרבן ידעות, וואָס האָבן זיי געהאָלפן צו פאַרגרינגערן זייער לעבן.

צוליב פאַרשיידענע סבות זײַנען ניט אַלע פעלקער געגאַנגען פאָראויס אין אַ גלײַכער מאָס, איינזיקע האָבן זיך אַנטוויקלט גיכער, אַנדערע זײַנען אָפּגעשטאַנען, און דעריבער אונטערשיידן זיך די איצטיקע פעלקער אזוי שטאַרק צווישן זיך אין זייער ציוויליזאַציע, דאָס הייסט אין דער מדרגה פון בילדונג און אַנטוויקלונג. אין די געדיכטע וועלדער פון אַפריקע אָדער אַוסטראַליע וועט איר נאָך איצט אויך געפינען ווילדע מענטשן, וואָס שטייען אויף דער סאַמע נידעריקסטער שטופּע פון אַנטוויקלונג. די דאָזיקע ווילדע מענטשן האָבן אָבער די מעלה און דעם פאָרצוג, וואָס זיי קאָנען זיך לערנען בײַ מער ציוויליזירטע פעלקער, אין דער צײַט וואָס דער פרימיטיווער, דער פאַרצײַטיקער מענטש האָט ניט געהאַט בײַ וועמען צו לערנען און האָט יעדער זאַך געמוזט אַליין דערגיין. קיין חדוש ניט דעריבער, וואָס ער האָט דאַרויף געפּטרט לאַנגע יאָרן און דורות.

יעדער דור האָט זיך באַנוצט מיט דער ערפאַרונג פון די פריערדיקע דורות, האָט ווײַטער געאַרבעט און באַמיט זיך אויסצומײַדן די טעותן פון זײַנע עלטערן. אויף קליינע אויס-

בעסערונגען האָט זיך מאנכע מאָל געפּאָדערט די אַרבעט פון עטלאַכע דורות. ס׳איז דעריבער פאַרשטענדלאַך וואָס יעדער געגנשטאַנד, יעדער קלענסטע זאַך פון אונזער טעגלאַכן געברויך האָט הונדערטער מאָל געביטן איר פאָרמע, ביז זי האָט אָנגענומען איר איציקע געשטאַלט. די דאָזיקע אַלע שנויים זיינען, בכלל, ענלאַך צו דעם פּראָצעס ווי אַזוי אַ שמעטערלינג (אַ באַבאָטשקע), ווערט באַשאַפן: פון אַ קליינטשיק, קוים באַמערקבאַר אייעלע שיילט זיך אויס אַ מין פרעסעריש כמשל, וואָס דערנערט זיך מיט בלעטער און וואַקסט ניט פון טאָג צו טאָג, נאָר פון שעה צו שעה. דערנאָך ווערט דאָס כמשל שוואַכער און שוואַכער, שטאַרבט אָפּ און ווערט מגולגל אין אַ האַרטער, אומבאַוועגלאַכער ליאַלקע. עס גייט פאַרביי אַ שטיקל צייט, און פון דער טויטער זאַך פליט אַרויס אויף דער וועלט אַ וואונדערלאַך־העלע, פול־פאַרביקע באַבאָטשקע, וואָס שוועבט פון בלימל צו בלימל. וואָס פאַר אַ שייכות איז, דוכט זיך, פאַראַן צווישן דאָס אייעלע, גרויס ווי אַ מאָן־קערנדל, און דער באַבאָטשקע? פונדעסטוועגן ווייסן מיר, אַז איינס שאַפט דאָס צווייטע.

דער גרויסער ים־דאַמפער, וואָס טראָגט זיך דרייסט איבער די כוואַליעס און פירט איבער טויזנט־פודיקע משאות און טויזנטער מענטשן, שטאַמט פון דער לייכטער פישער־שיפל, און דער פּרעכטיקער פאַלאַץ, דער וואונדערלאַכער טעמפּל און יעדע אַנדערע מאָדערנע געביידע, וואָס רופט אין אונז אַרויס התפּעלות, ציט איר סדר היחוס פון דעם ווילדן מענטשנס פּרימיטיווער דירה.

דעם מענטשנס וואוינונג האָט זיך אַנטוויקלט ביסלאַכווייז, ווי אַלץ אין מענטשנס לעבן. נאָר וואָס דען, די אַנטוויקלונג איז געגאַנגען ווערליך די נאַטור פון דער לאַנד, אין וועלכער דאָס אָדער יענץ פאָלק האָט געלעבט. אויב אַ פאָלק, וואָס געפינט זיך איצט אויף אַזאַ מדרגה פון אַנטוויקלונג, אויף וועלכער אַן אַנדער

פאָלק איז געשטאַנען לאַנג צוריק, ווערט אַוועקגעשטעלט אין די זעלביקע באַדינגונגען, אין וועלכע יענץ פאָלק האָט דאַמאָלסט געלעבט, איז זייער אַרט לעבן, מער אָדער ווייניקער, ענלאַך איינס צום צווייטן.

און דעריבער, ניט אַכטנדיק אויף די פאַרשיידנקייט פון די בנינים, וואָס מיר זעען איצט ביי אַלערליי פעלקער, געפינען מיר צווישן זיי אַ מין בנין, וואָס איז, ביסלאַכווייז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון דער גאַנצער מענטשהייט.

איבערגייענדיק צו דער באַשרייבונג פון אַלערליי מענטש־לאַכע וואוינונגען, וואָס האָבן עקזיסטירט זינט די סאַמע אַלטסטע צייטן ביז היינטיקן טאָג, — וועלן מיר זיך אָפּשטעלן נאָר אויף די אַזוי גערופענע טיפּישע בנינים.

## II.

פריער פון אַלץ האָט זיך דער מענטש גענויטיגט אין אַ דירה, כדי צו באַשיצן זיך פון אַ שלעכטן וועטער און פון זיינע ערשטע שונאים — פון צוק־חיות. געוויינלאַך, פלעגט ער אויף אַ גאַנצן טאָג אַוועק אויף יאַגד אָדער פיש כאַפּן, און נאָר אַ גרויסער רעגן אָדער אַ שטאַרקע היץ, האָט אים געצוואונגען צו זוכן שוץ אין זיין „דירה“. ביי נאַכט האָט ער אויך געדאַרפט האָבן אַן אָרט, וואו אָפּצורוען נאָכן טאָג שווערע אַרבעט. שלאָפן אונטערן פריען הימל איז געווען אַ סכנה, מחמת ביינאַכט האָט מען זיך שטענדיק געקאָנט ריכטן אויף אַן אָנפאַל פון ווילדע חיות. דער פרימיטיווער מענטש איז בכלל ניט געווען קיין גרויסער בריה צו פאַרטיידיקן זיך. ווער רעדט, אַז מען איז אים באַפאַלן אומגעריכט, אין צייט פון שלאָף, וואָלט ער זיך געוויס קיין עצה ניט געקאָנט געבן.

דער מענטש האָט געזען, אַז חיות און פויגל באַזעצן זיך אויף בוימער, אָדער אין דר׳ערד האָט ער זיי גענומען נאָכטאָן און אויך געמאַכט זיך דאָרטן אַ דירה. אויסזוכנדיק אַן אויסגעהוילטן בוים, פלעגט ער זיך פאַרקלייבן אינעווייניק און רואיק נעכטיקן דאָרטן. אין בוים איז אָבער געווען הייס און דומפיק און לאַנג פאַרבלייבן דאָרטן — אוממעגלאַך, — האָט ער זיך געפרובט איינאָרדנען אויפן בוים: אַרויפקלעטערנדיק אויף אַ צווייגיקן בוים, האָט זיך דער מענטש צולייגט דאָרטן, איבערפלעכטנדיק די צווייגן צווישן זיך ווי אַ מין אונטערבעט אָדער פאָדלאָגע. אויפן בוים האָט ער זיך געפילט זיכער: דאָ האָבן צו אים ניט געקאָנט דערגרייכן קיין גיפטיקע שלאַנגען און קיין ווילדע חיות; די געדיכטע צווייגן האָבן אים באַשיצט פון היץ און רעגן; ער האָט פאַרשפּאָרט צו גיין זוכן שפּייז: ער האָט געדאַרפט נאָר אויסציִען זיין האַנט און נעמען פּירות, וויפל זיין האַרץ גלוסט. קורץ, ס׳איז אים געווען גוט ווי די וועלט. אָבער דאָס איז אַלץ גוט געווען כּל־זמן דער מענטש האָט געגעסן רויע שפּייז. ווי נאָר אָבער דער מענטש האָט זיך אויסגעלערנט צו קאָכן אויפן פייער, אַזוי האָט שוין דער בוים ניט געטויגט פאַר אַ דירה: קיין פייער קען מען אויף אַ בוים ניט פונאַנדערפירן. דאָ מוז מען שוין אַראָפּקריכן אויף דער ערד. דער פּאַסיקער בוים איז אָפּטמאָל געשטאַנען ווייט פון אַ קוואַל אָדער אַ טייך און האַלטן אויפן בוים אָנגעגרייט וואַסער איז געווען אוממעגלאַך.

אַחוץ בוימער, פלעגט דער מענטש אָפט פרובן צו פאַרטיפן זיך אין דער ערד: ער פלעגט זיך אויסגראָבן אַ גרוב, אַרומלייגנדיק דאָס אויסגעגראָבענע ערד אַרום איר, אָנשטאָט אַ דאַך פלעגט ער פאַרדעקן די גרוב מיט צווייגן אָדער בלעטער.

לכתחילה איז דעם מענטשן שווער געווען צו גראָבן גריבער, מחמת ער האָט ניט געהאַט קיין גראָב־אייזן, ניט קיין לאָפּעטע,

א דירה אויף א בוים.

און האָט זיך בלויז באַנוצט מיט אַ פאַרשאַרפטן שטיקל שטײן. אָבער מיט דער צײַט, ווען ער האָט שוין געהאַט אויסגעבעסערטע געצײַג, האָט ער אָנשטאָט גריבער, שוין געקענט מאַכן גאַנצע אונטערערדישע הײלן מיט אַלערלײ גאַנגען און איבערגאַנגען. אין אָט אַזעלכע אונטערערדישע הײלן האָבן זיך מענטשן אָפט באַהאַלטן פון פארפאָלגונגען; דער אַרײַנגאַנג איז גוט פאַרמאַסקירט געוואָרן מיט אַ שטיק פעלז, אַזוי אז די שונאים האָבן עס ניט לײַכט געקאָנט אויסגעפינען.

די ערשטע רוימישע קריסטן, וואָס זײַנען שרעקלאַך פאַרפאָלגט געוואָרן פון די געצנדינער, פלעגן זיך באַהאַלטן אין גרויסע אוטערערדישע הײלן, אין אַזוי גערופענע קאַטאַקאָמבען

דאָ האָבן זײ געהאַט זײערע מזבוחות, דאָ האָבן זײ געפראַוועט זײערע תפילות און דאָ האָבן זײ מקבר געווען זײערע מתים.

די געלערנטע פון אונזער צײַט האָבן אויסגעפאָרשט די דאָזיקע קאַטאַקאָמבען און האָבן דאָרט געפונען אַ סך פאַרצײַטיקע זאכן און אויפשריפטן, וואָס גיבן אונז די מעגלאַכקײַט צו באַקענען זיך מיט דאָס לעבן און פאַסירונגען פון אַמאָליקע צײַטן. קאַטאַקאָמבען זײַנען אַזוי גרויס, אַזוי צעדרײט און פאַרפלאָנטערט, אַז אין זײ איז זײער גרינג צו פאַרבלאָנדזשען, און דאָס איז זײער שלעכט, מחמת דער וואָס וועט ניט געפינען דעם וועג צוריק מוז דאָרטן שטאַרבן פון הונגער, ווײַל וויפל ער זאָל ניט שרײַען, וועט קײנער זײַן קול ניט הערן. כדי צו פאַרהיטן זיך פון אַזאַ שרעקלאַכן סוף, בינדט מען צו בײַם אַרײַנלאָזן זיך אין די קאַטאַקאָמבען אַ קנויל פאָדים, פאַר וועלכן מען האַלט זיך די גאַנצע צײַט, וואָס מען איז אינעווײניק און צוריק גײט מען אויך, האַלטנדיק זיך אָן דעם זעלביקן פאָדים.

## .III

זוכנדיק דערנערונג, האָט זיך דער מענטש אָפט אָנגעשטויסן אין בערג אָדער צווישן פעלזן אויף נאַטירלאַכע היילן. ער האָט באַמערקט, אַז איינזיקע חיות מאַכן זייערע בערלאָגעס אין די דאָזיקע היילן, האָט ער אויך געפּרובט מאַכן זיך דאָרט אַ וואוינונג. דאָ האָט ער זיך, די ערשטע צייט, אפילו געקאָנט איינאָרדנען מיט געווויסע באַקוועמלאכקייטן. אין אַ ווינקל האָט ער זיך געמאַכט פון טרוקענע בלעטער אָדער פון מאָך אַ געלעגער, אין מיטן הייל האָט ער צוזאַמענגעלייגט עטלאַכע שטיינער, אויף וועלכע ער האָט פונאַנדערגעפירט זיין פייער. אַרום דעם דאָזיקן פייער פלעגט זיך אויפקלייבן דאָס גאַנצע געזינד אָנצוואַרעמען זיך און אויף אים האָט מען געקאָכט געקעכטס. אין הייל האָט דער מענטש געקאָנט אָנגרייטן זיך שפייז אויף שפעטער: קרייטיכער, פירות, פלייש פון געהרגעטע חיות. ווען ער האָט צוגעוואוינט צו זיך חיות און בהמות, האָט ער זיי אויך אַריינגענומען אין הייל. צום אָנהויב האָט ער צוגעוואוינט צו זיך דעם אָקס, נאכהער—דעם הונט און דעם חזיר, און ערשט שפעטער — דעם פערד, די שעפּס און די ציג. ווען ער פלעגט אַוועקגיין, האָט ער פאַרלייגט דעם אַריינגאַנג פון הייל מיט אַ גרויסן שטיין, כדי עס זאָל אַהין ניט אַריינגיין א וואָסער ס'איז רויב-חיה.

דאָס הייל איז געווען פאַר אים אַ פאַרטיקע דירה. מען האָט ניט מער געדאַרפט אויסרייניקן זי, אַרויסוואַרפן די מיסט און די שטיקלאַך שטיינער. אַז מען האָט געוואָלט, האָט מען געקאָנט גרעסער מאַכן זי, און אויסהאַקן אין עטלאַכע ערטער לעכער, וואָס זאָלן דורכלאָזן די שיין. און דעריבער טאַקע האָבן זיך מענטשן גערן באַזעצט אין היילן.

ווערליק מען קען אורטיילן נאָך די שריים, וואָס זײַנען געפונען געוואָרן אין די גאַנץ פאַרציטיקע הייל, האָבן זייערע אײַנוואוינער, וואָס האָבן אין זיי געלעבט מיט עטלאכע טויזנט יאָר צוריק, געפירט זייער אַ שווער לעבן. זיי האָט נאָך געפעלט די ידיעות און קענטנישן, וואָס זײַנען אויסגעארבעט געוואָרן דורך לאַנגע פּראַקטיקע.

זיי האָבן זיך מפרנס געווען דורך יאגד, אָבער אין יענע צײַטן איז דאָס געווען ניט קיין גרינגע זאַך. אַ שאַרפער שטיקל שטיין, אַרויפגעזעצט אָדער צוגעבונדן צו אַ שטיקל האָלץ, האָט געדינט פאר אַ שפּיז; נאָך אַזאַ שטיקל שטיין, נאָר קלענער, איז געווען אַ בויגן. כדי צו פאַרשפּיצן אָבער אַ שטיין, האָט מען זיי געקלאַפּט איינס אָן דעם אַנדערן.

אויף אײַניקע חיות איז דער מענטש געגאַנגען מיט זײַן שפּיז, אַנדערע האָט ער פאַרנאַרט אין אַ פאַל-גרוב: ער פלעגט אויסגראָבן אַ גרוב, באַדעקן זי מיט טרוקענע צווײַגן און בלעטער, און ווען די חיה איז אַהין אַרײַנגעפאַלן, האָט ער זי דערשלאָגן מיט שטיינער.

דאָס פלייש און דעם מאַרך פון חיות האָט דער מענטש באַנוצט צום עסן, מיט די פעלן האָט ער זיך צוגעדעקט אָדער געניייט פון זיי קליידער.

אָפּגעשונדן די חיות האָט ער מיט אַ שאַרפן שטיין. די דינסטע פעל האָט ער צושניטן אויף פאַסן. די אָדערן און די געדערים האָט ער אויסגעטריקנט און פון די ביינער האָט ער געמאַכט נאָלן. דער ביינערנער נאָל איז ניט געווען ענלאַך צו דעם נאָל פון אונזער צײַט: דאָס איז געווען אַן אָל אָן אַ לעכל. מיט דעם דאָזיקן נאָל און געטריקנטע אָדערן האָט ער צוזאַמענ-געניייט די פעל און געמאַכט פון זיי אַ מין מלבוש. דער שאַרבן פון חיות האָט געדינט פאַר אַ כלי אָנצושעפּן דערמיט וואַסער.

צוקוקנדיק זיך צו דער אַרומיקער נאַטור, האָט דער מענטש אויסגעפונען ליים. ער האָט, מן הסתם, באַמערקט, אַז ליים איז קלעפּיק, האָט ער געפּרובט אויסאַרבעטן פון איר אַ כּלי, קנעטנ־דיק עס ווי טייג. די סאַמע פּאַרצײַטיקע כּלים, האָט מען אַפילו ניט אויסגעברענט, נאָר פּשוט געלאָזן פאַרהאַרטעוועט ווערן אויפן פײַער. צו די ליים האָט מען צוגעמישט דיקע זאַמד, כּדי די כּלי זאָל זײַן שטאַרקער און ניט פּלאַצן אויף אַ שטאַרקן פײַער.

היילן האָבן געדינט אַלס דירה ניט נאָר פאַר פּרימיטיווע און ווילדע מענטשן, וואָס האָבן ניט געקאָנט בויען פאַר זיך קיין הײַזער. אין אַלע צײַטן, אַפילו אין אונזער צײַט, זײַנען פאַראַן מענטשן, וואָס זיי איז באַקוועמער צו וואוינען אין היילן ווי אין הײַזער. פישער, וואָס פאַנגען פיש אין ים און גייען איבער פון איין אָרט צום צווייטן נעכטיקן אָפט אין היילן צווישן די בערג־פעלזן. נזירים, וואָס דערווײַטערן זיך פון דער וועלט, באַזעצן זיך אָפט אין היילן. אַ סך מאָנאַסטירן זײַנען אין פאַרשיידענע לענדער לכתחילה געגרינדעט געוואָרן אין היילן. באַנוצנדיק זיך מיט וואָסער עס איז נאַטירלאַכער הייל, האָט מען אַרום איר שוין אויסגעגראָבן נאָך היילן, די גרעסטע געמאַכט פאַר אַ קלויסטער, און די קלענערע — אַלס געצעלטן פאַר די מאָנאַכן.

אין קרים באַגעגענען מיר נאָך איצט אויך מאָנאַסטירן אין די היילן, ווי, למשל, דער אוספּענסקער און אינקערמאַנסקער מאָנאַסטיר. ניִשט מער וואָס זיי זײַנען אַביסל אויסגעבעסערט געוואָרן, דהײַנו: אין די לעכער, וואָס זײַנען אויסגעהאַקט גע־וואָרן אָנשטאָט פענסטער, זײַנען אַרײַנגעשטעלט שײַבלאַך; צו די גרעסערע לעכער זײַנען אָנגעהאַנגען הילצערנע טירן. פון אויוון גייט אַ קוימען אַרויסצוציִען דעם רויך. אויב די הייל איז אַ ברייטע, ווערט זי פונאַנדערגעטיילט מיט אַ ווענטל. אַלע מאָ־נאַסטיר־קלויסטערס זײַנען אויך געמאַכט געוואָרן אין די היילן,

אָבער אין גאַנץ גרויסע, אַזוי אַז אין זיי איז פולשטענדיק ליכטיק. אינעווייניק זיינען זיי באַפוצט מיט קונסט-מאָלונגען, מיט הייליקע בילדער און מיט די איבעריקע קלויסטער-באַפוצונגען.

אין די פאַרצייטיקע יאָרן איז אין קרים בכלל געווען שטאַרק פאַרשפּרייט הייל-וואוינונגען, לעם באַרטשיסאַראַי זיינען פאַראַן די חורבות פון אַ פאַרוואָרפענער היילן-שטאָט, וואָס פאַרמאָגט ביז צען טויזנט חדרים. די דאָזיקע חדרים זיינען איינגעאָרדנט ווי מאָנאַכן-געצעלטן מיט קליינינקע פענסטערלאַך פון אויבן. זיי זיינען אויסגעהאַקט אין באַרג שטאָקן-ווייס און פון איין שטאָק צום צווייטן פירן טרעפּלאַך, וואָס זיינען אויסגעהאַקט אין דער שטיינערנער וואַנט. עס פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע היילן זיינען ניט נאַטירלאַכע. דאָס רוב פון זיי זיינען אויסגעהאַקט דורך מענטשלאַכע הענט. צווישן די רואינען זיינען פאַראַן צייכנס פון אַ געוועזענעם אָסטראָג, פון אַלטע קלויסטערס און פון קברים-שטיבלאַך.

אין די בערג פון דער ווייטער אינדיען זיינען אויך פאַרבליבן סמנים פון פאַרצייטיקע געצנדינערישע טעמפּלען. פון זיי צייכנען זיך אויס מיט אַ באַזונדערער שיינקייט און גרויסאַרטיקייט די טעמפּלען, וואָס געפינען זיך לעם דער שטאָט אַדזשאַנטי: שטראָמען און וואַסער-פאַלן, וואָס רייסן זיך אַרויס פון שמאָלן שפּאַלט, בילדן אַ רוישיק טייכל; פון ביידע זייטן טייכל הויבן זיך אויף גרויסע מעכטיקע פעלזן, און אין לינקן פעלז איז אויסגעגראָבן אַ הייל פון דריי הונדערט קלאַפטער די לענג.

אין די דאָזיקע היילן זיינען געמאַכט געוואָרן אַריינגאַנגען און געשניצטע באַלקאָנען. זיי פאַראייניקן זיך צווישן זיך מיט טרעפּ און קאָרידאָרן. צוזאַמען מיט די קליינינקע מאָנאַכן-געצעלטן זיינען אויסגעהאַקט גרויסאַרטיקע טעמפּלען. די טירן זיינען באַפוצט מיט שניצאַכץ פון אויסערגעוויינלאַך פיינער אַרבעט.

דאָ זײַנען אויסגעהאַקט לאָטאָס בלעטער, ענלאַכע צו גרויסע רויזן, אַ יאַגד אויף אַ ווילדן חזיר, אַ שלאַכט צווישן עלפאַנטן און מוראדיקע שלאַנגען, און דאָס גלײַכן. דער סופיט פון טעמפּל ווערט אונטערגעהאַלטן פון אַ גרויסער צאָל זײַלן, באַדעקט מיט שניצאַכץ, וואָס דערמאָנען אָן די פײַנסטע שטיקערײַ. אַרום די ווענט — סטאַטועס פון געטער און בודיסטישע פּריסטערס. אייניקע פון זיי זײַנען מוראדיק גרויסע, אַ סך גרעסער פון מענטשלאַכן וואוקס; דערפאַר זײַנען אַנדערע גאָר קלײנינקע און שייניקע שפּילצײַג.

בודאַ אַליין איז פאַרגעשטעלט — דאָס, ווי ער שטייט בשעת ער רעדט צום פאָלק, דאָס, זיצנדיק פאַרזונקען אין געדאַנקען און דאָס, ליגנדיקערהייט, איידער ער גייט איבער צום אייביקן גן-עדן. דאָס אַלץ איז מיט אויסערגעוויינלאַכער קינסטלאַכקײַט אויסגעהאקט אין פעלז גופא. די דאָזיקע אַרבעט איז געטאָן געוואָרן ביסלאַכווײַז אין פאַרלויף פון עטלאַכע דורות.

די ווענט זײַנען באַדעקט מיט אינטערעסאַנטער קונסט-מאַלערײַ, וואָס שטעלן פאָר ניט נאָר רעליגיעזע בילדער, נאָר אויך סצענעס פון טעגלאַכן לעבן. אויף איינע פון די ווענט איז פאָרגעשטעלט דעם ראַדזשיס — דעם פירשטס פּאַלאַץ. ער אַליין ליגט אויף אַ טעפּיך און זײַנע קנעכט פאָכן איבער אים מיט פעכערס, ער זאָל ניט פילן די היץ. טענצערקעס, פּאָקוסטניקעס און שלאַנגען-פאַרשווערער פאַרטרײַבן זײַן לאַנגווײַליקײַט. פון ווײַטן שטייען קנעכט און שקלאַפנס מיט די האָר אין נעצן.

אויף דער צווייטער וואַנט איז פאָרגעשטעלט דער אַרויספאָר פון רײַטער אויף יאַגד. אויף דער דריטער וואַנט—אַ מיליטערפּאַראַד. די זעלנער זײַנען אין קאַסקעס און פּאַנצירן; זייער געווער באַשטייט פון פײַל און בויגן, אַ שפּיז און שווערד מיט אַן אויסשניט, דורך וועלכן עס איז אַרויסגערוקט דער גראָבער

פינגער. אייניקע האַלטן לאַנגע שוין־שילדן, אַנדערע קיילעכדיקע.

ווייטער איז פאָרגעשטעלט אַ גוססע־יונגע מיידל. צוויי פרויען האַלטן זי אונטער און זי קוקט אויף זיי מיט אומאויסדריקלאכן טויט־אַנגסט. אין צימער געפינען זיך נאָך עטלאכע מענטשן, וואָס קערן זיך אָפּ אָן אַ זייט, זי זאָל ניט זען זייער צער.

אָט די אַלע איבערבלייבאַכצן פון פאַרצייטן ווייזן אונז דייטלאַך ווי אַזוי מען האָט אַמאָל געלעבט אין אינדיען. די טעמפּלען זיינען איצט פאַרלאָזן און די היילן פון אַדזשאַנטי, וואו עס האָבן אַמאָל געלעבט בודיסטישע נזירים, זיינען פאַרוויסט. די פעלזן זיינען, ערטערווייז, אָפּגעפאַלן און די באַלקאָנען זיינען באַוואָקסן מיט גראָז און מאָך. קלעטער־געוויקסן האָבן אַרומגערינגלט די זיילן און אויף די פון זון־אָנגעברענטע דיל־שטיינער ליגן צוזאַמען מיט די גיגאַנטישע אויסגעהאַקטע שרצים — אמתע שלאַנגען. גרינע יאשטשעריצעס שפּילן זיך לוסטיק אויף די חורבות, און די פינסטערע ווינקלען לויפן אום מייז און פאַצוקעס. אין אייניקע היילן האָבן זיך פאַרפירט אַזוי פיל בינען, אז ס'איז אַ סכנה אַהין אַריינצוגיין. צייטנווייז פאַרבלאָנדזשעט אַהער אַ ווילדע חיה אָדער עס פאַרפליט אַ רויב־פויגל. די אינדוסן רירן זיי ניט אָן, מחמת זייער אמונה פאַרבאָט זיי צו הרגענען וואָסער עס איז לעבעדיקע באַשעפעניש.

די פאַרלאָזענע היילן פון אַדזשאַנטי ווערן ניט באַנייט; זיי זאָגן נאָר עדות וועגן יענע צייטן, ווען גאַנצע דורות האָבן געאַרבעט אויפצובויען זיי און ווען נזירים מיט די געגאָלטע קעפּ און אין געלבע טראַנטעס האָבן דאָרטן געפונען זייער רו.

## IV.

פון היילן, וואָס זיינען קינסטלאַך באַפּוצט געוואָרן דורך די הענט פון דעם מענטשן, וואָס האָט זיך שוין אויסגעלערנט

אויסהאַקן און אויסקריצן אויף שטיין, — לאָמיר זיך אומקערן העט, ווײַט צוריק, צו דעם פּרימיטיוון הייל-מענטשן.

פאַרנעמענדיק זיך מיט יאַגד, איז דעם מענטשן אָפּטמאָל אויסגעקומען אַוועקצוגיין ווײַט פון זײַן וואוין-אָרט. זוכנדיק ווילדע פויגל, איז ער אָפּט מאָל אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען אומזיסט, און אומקערן זיך אַהיים מיט ליידיקע הענט האָט ניט געלוינט, איז אויסגעקומען צו מאַכן זיך אַ געלעגער ערגעץ וואו אויסערן היים. ס׳איז דערבײַ נאָענט ניט געווען קיין הייל, האָט ער זיך אײַנגעאָרדנט ווי ס׳האָט זיך געמאַכט: אונטער אַ פעלז, אונטער אַ בוים אָדער פּשוט אויף אַ פרײַען אָרט.

מיט דער הילף פון צוויי שטיקלאַך טרוקענע האָלץ, וואָס ער האָט געריבן איינס אָן דאָס אַנדערע, האָט ער אַרויסבאַקומען פײַער און אונטערגעהייצט די קופּקע טרוקענע צווײַגן. אויב ס׳האָט געבלאָזן אַ שטאַרקער ווינט, האָט דער פײַער געקאָנט פאַרלאָשן ווערן אָדער איבערוואַרפן זיך ווײַטער אויף די גראָז און אָנמאַכן אַ וואַלד-שׂרפה. כדי צו פאַרהיטן דאָס פײַער פון ווינט האָט דער מענטש אַרײַנגעשטעקט פון דער ווינטיקער זײַט אַ צאָל צווײַגלאַך, אָדער גרויסע ברייטע בלעטער, וואָס האָבן פאַרשטעלט דאָס פײַער ווי מיט אַ ווענטל. אָבער דאָס האָט בלויז פאַרהיט דאָס פײַער פון ווינט, אָבער ס׳האָט ניט געקאָנט פאַרהיטן פון רעגן. האָט ער זיך געפּרובט אַרײַנשטעקן די בלעטער ניט אין איין שורה, נאָר אין אַ האַלב-קײַלעכדיק ראָד און אויפבינדן זיי פון אויבן צוזאַמען אַזוי, אַז עס איז אַרויסגעקומען אַ מין דאַך, וואָס האָט שוין באַשיצט פון רעגן אויך. שפּעטער האָט ער זיך דערקלערט אַרײַנצושטעקן די צווײַגן און בלעטער ניט אין אַ האַלבן ראָד, נאָר אין אַ גאַנצן עיגול, און, איבערפלעכטנדיק זיי פון אויבן איינע מיט דאָס אַנדערע, איז שוין אַרויסגעקומען אַן אמתע סוכּה, אַ געצעלט, וואָס האָט

אים פאַרהיט אי פון היץ אי פון קעלט, אי פון שלעכט וועטער. ער האָט נאָר געלאָזן אַ חלל, דורך וועלכן ער אַליין זאָל קאָנען אַריינקריכן און דורך וואַנען עס זאָל אַרויסציען דעם רויך.

פאַרלייגנדיק אויף דער נאַכט די לאָך, האָט ער געקאָנט רואיק שלאָפן, ניט מורא האָבנדיק פאַר ווילדע חיות.

דעם געצעלט האָט ער געדאַרפט נאָר אויף אַ קורצע צייט, האָט ער ניט געזאָרגט דערפאַר, ער זאָל זיין שטאַרק געבויט.

ער האָט אין זיין דירה ניט איינגעפירט קיין שום כלי-בית, מחמת ער האָט ניט גערעכנט ווען עס איז נאָך אַ מאָל צו קומען אויף דעם זעלביקן אָרט.

אַזאַ קליין, קיילעכדיק הייזל האָט געטויגט פאַר אַ מענטשן, וואָס בייט אָפט זיין וואוינאָרט. אָבער זוכן יעדעס מאָל מאַטעריאַל, ברעכן צווייגן, שניידן בלעטער און ווידער בויען ביידלאַך איז פונדעסטוועגן געווען אַ צו גרויסע טרחה. האָבן די מענטשן, וואָס זיינען געצוואונגען געווען שטענדיק צו וואַנדערן, געמאַטערט זיך אויסצוקלערן אַזאַ מין סאָרט געצעלט, וואָס מען זאָל אַוועקגייענדיק פון אָרט לייכט קענען פונאַנדערנעמען און, קומענדיק אויף אַ נייעם אָרט, גרינג צוזאַמענשטעלן. אַזאַ מין געצעלט איז נאָך מער נויטיק געוואָרן, ווען דער מענטש האָט צוגעוואוינט צו זיך איינִיקע חיות און האָט זיך גענומען באַשעפטיקן מיט פיי-האָדעווען.

דער איש-ציד, דער מענטש וואָס האָט זיך פאַרנומען בלויז מיט יאַגד, האָט אָפטמאָל אַליין ניט געוואוסט וואוהין ס'וועט אים אויסקומען צו גיין: דאָס האָט זיך געווענדט אָן דעם, וואוהין די חיה וועט לויפן און אים נאָך זיך פאַרפירן. אויף אַ צופעליקן נאַכטלעגער האָט ער זיך פולשטענדיק באַנוגנט מיט אַ ביידל. ווען ער וואָלט אַפילו געוואָלט, וואָלט ער אויך ניט געקאָנט נאָכשלעפן מיט זיך אַ וואַנדער-געצעלט, מחמת דאָס וואָלט פאַר אים

געווען אַן איבעריקע משא, וואָס וואָלט אים נאָר געשטערט צו יאָגן זיך נאָך חיות.



די הײדעלאך פֿון די יאגד־מענטשן.

דער פּי־ציכטער איז אָבער גאָר אַן אַנדער מעשה. ער איז פֿאַרבליבן אויף דעם זעלביקן אָרט, ביז זײַן טשערעדע האָט ניט אויפגעגעסן די גאנצע גראָז אַרום, און ערשט דאַמאָלסט האָט ער

אויפגעקליבן זײַנע חפצים און געלאָזט זיך זוכן נײַע פּאַשע. זײ זײַנען געשטאַנען אויף אײן אָרט ניט טעג, ווי די יאַגד-מענטשן, נאָר וואָכנווײַז און אָפטמאָל גאַנצע חדשים. בײַם איבערגײן פון אײן אָרט אויפן צווײטן, האָבן זײ ניט אַלײן געטראָגן זײער באַלעבאַטישקײט, נאָר אָנגעלאָדן עס אויף זײערע פערד און אָקסן.

די נאָמאַדן-פי-ציכטער האָבן געלעבט אין בעסערע באַדינגונגען ווי די יאַגד-מענטשן. ווען דער יאַגד איז ניט געראָטן, האָט דער יאַגד-מענטש אַלײן און זײַן גאַנצע הויזגעזינד געמוזט הונגערן. מ'האָט קײנמאָל ניט געקאָנט פאָראויס וויסן צו דער יאַגד וועט זיך אײַנגעבן אָדער ניט. ס'האָט אויך געקאָנט פּאַסירן, אַז די פאַרוואונדעטע חיה זאָל זיך וואַרפן אויפן מענטשן און דערהרגענען אים. דאַן איז זײַן הויזגעזינד פאַרבליבן אָן אַ שפּײַזער.

דער פי-ציכטער אָבער האָט שטענדיק געהאַט שפּײַז אונטערן האַנט: די מילך און דאָס פלײש פון זײַנע פי. ער האָט זיך ניט געדאַרפט אומטראָגן גאַנצענע טעג איבער וועלדער און פעלדער, איבער בערג און טאָלן, — ער האָט געקאָנט שטענדיק זײַן צוזאַמען מיט זײַן הויזגעזינד, און דעריבער טאַקע האָט ער זיך באַמיט אײַנצואָרדנען פאַר זיך וואָס אַ בעסערע דירה. אין דער ערד זײַנען אַרײַנגעשטעקט געוואָרן עטלאַכע פלעקער, וואָס זײַנען צוזאַמענגעבונדן געוואָרן פון אויבן. אויף זײ זײַנען אַרויפגעוואָרפן געוואָרן עטלאַכע אינאײנעם-צוזאַמענגענײטע פעל. אײן פעל האָט זיך אויפגעהויבן און געדינט אָנשטאָט אַ טיר. אינעווײניק איז געווען אַ מין סאָרט מעבל, כלי-בית און געפעס.

די נאָמאַדן האָבן, ווענדיק נאָכן אָרט נאָך, געהאַט אַ וואָגן אָדער אַ שליטן, אויף וועלכן זײ האָבן בײַם אַריבערוואַנדערן אָנגעלײגט זײער בײַדל, די שטוב-ווירטשאַפט, אַרויפגעזעצט די קלײנע קינדער און שוואַכע פרויען, און אײַנשפּאַנענדיק פערד,

אָקסן, הינט, אָדער אַפּילו ציגן, זײַנען זיי געפּאָרן ווײַטער.

עס זײַנען נאָך איצט אויך פאַראַן אַ סך נאָמאַדן-פעלקער, וואָס מאַכן זיך אַזעלכע בײַדלאַך, נאָר אָנשטאָט פעל, באַדעקן זיי זייערע געצעלטן מיט פילץ אָדער מיט לײַוונט, צי מיט אַנדערע וועב-שטאָפן. אויף מלחמה אָדער אין וועג, מאַכן זיך זעלנער אויך בײַדלאַך פון לײַוונט אָדער ברעזענט.

אין די קאַלטע גרענעץ-קאַנטן פון רוסלאַנד וואַנדערן נאָך איצט אויך אַרום סאַמאָיעדן מיט זייערע טשערעדעס צפון-הירשן. דער צפון-הירש איז אַ באַשעפעניש, וואָס פאָדערט קײַן סך ניט, ער גראָבט אַליין אויס מיט די קאָפּיטעס פון אונטערן שניי ווײַסן מאָך — יאָגל און פיטערט זיך דערמיט.

אָן דעם הירש וואָלט דער סאַמאָיעד ניט געקאָנט אויסקומען: ער וואָלט ניט געהאַט ניט קײַן עסן, ניט קײַן מלבושים, ניט קײַן געהילף צו דער אַרבעט. דעריבער זאָרגט דער סאַמאָיעד, אַז דער הירש זאָל ניט בלײַבן אָן פּאַשע, און ווי נאָר דער יאָגל נעמט זיך אויס אין איין אָרט, וואַנדערט ער איבער מיט זײַנע הירשן אויף אַ צווייטן אָרט.

לעבנדיק אין אַ קאַלטן, אומפרײַנדלאַכן קאַנט פון דער לאַנד, וואו די שטרענגע נאַטור באַציט זיך צום מענטשן, ווי אַ שטיף-מוטער, האָבן די סאַמאָיעדן ניט געקאָנט קומען צו אַזאַ וואוילשטאַנד ווי די נאָמאַדן פון זיד-רוסלאַנד — די קירגיזן, קאַלמיקן און אַנדערע וואַנדער-פעלקער.

מיט גאַנצע טאַבונעס פערד, מיט טשערעדעס אָקסן, בהמות און שעפּסן וואַנדערן זיי איבער די סטעפּעס, וואו די רײַכע און זאַפטיקע גראָז גיט זיי פּאַשע לרוב. זייערע פעלצענע בײַדלאַך זײַנען קײַן ערך ניט פרײַער און באַקוועמער ווי די פעל-יורטעס פון די סאַמאָיעדן. זיי האָבן אַ סך מער גוטס און אויף זייערע טײַערע פערד איז אָפטמאָל אָנגעלאָדן אַ גאַנצער פאַרמעגן. זיי

זײַנען אויסגעצײַכנטע רײַטער. גוט רײַטן און בריהשאַפט ווערט שטאַרק געשעצט צווישן קירגיזן. פאַראַן בײַ זײ יום-טובים, ווען מען אָרדנט אײַן רײַט-שפּילן, און ווער עס צײַכנט זיך באַזונ-דער אויס אין רײַטן, יענער ווערט שטאַרק געאַכט.

אין די בײַדלאַך פון די סטעפּעס-וואַנדערער, קאָן מען אַפילו געפינען אַ געוויסן לוקסוס: אַלערלײ באַפּוצאַכצן, פיל-פאַרביקע שטאָפן, טעפּיכער און שײנע כלים. אין יעדער באַלע-באַטישקײט ווערט איר אומבאַדינגט געפינען אַלערלײ קריגלאַך מיט שמאָלע העלזלאַך, פון וועלכע מען טרינקט קומיס—אַ משקה, וואָס ווערט געמאַכט פון קליאַטשע-מילך.

יעדער וואַנדערער, מיט וואָס ער זאָל זיך ניט פאַרנעמען, דאַרף האָבן באַוועגלאַכע וואוינונגען. אײַך איז געוויס ניט אײן מאָל אויסגעקומען צו זען ציגײַנער, בעת זײ וואַנדערן אין זײ-ערע געדעקטע וועגן. איבער אַ האַלבן וואָגן איז אָנגעצויגן אַ בײַדל, פון הינטער-וועלכער עס קוקן נײַגעריק אַרויס די שוואַרצע, פאַרסמאָדערטע פּנימלאַך פון קלײנע קינדער, פון יונגע ציגײַ-נערקעס אין רויטע קלײדלאַך און העל-פאַרביקע טיכלאַך מיט בלישטשענדיקע אוירינגלאַך אין די אויערן, און מיט אַלערלײ מטבעות און צירונג אויף די העלזער פון אַלטע ציגײַנערקעס מיט צושויבערטע צופּודלטע האָר. אין וועגל ליגט דאָס גאַנצע ביסל אָרימע באַלעבאַטישקײט פון דער ציגײַנערשער געזינדל. הינטן זײַנען צום וואָגן צוגעבונדן פערד, וואָס ווערן געפירט צום פאַרקויפן אָדער אויסבײַטן, מחמת דאָס רוב ציגײַנער זײַנען פערד-הענדלער.

אַזעלכע באַוועגלאַכע דירות אויף וואָגנס זײַנען אַמאָל גע-ווען בײַ פאַרשײדענע פעלקער. זײ האָבן געהאַט די דאָזיקע באַ-קוועמלאַכקײט, וואָס מען האָט ניט נאָר געקאָנט וואוינען אין זײ, נאָר אויך איבערפאָרן פון אײן אָרט אויפן צווײטן, ניט פונאַנ-

דערנעמענדיק זיי. אזוי האָבן זיך מיט אַנדערהאַלבן טויזנט יאָר צוריק אַראָפּגעלאָזן אויף די אייראָפּעיִשע פעלקער גאַנצע מחנות האַלב-ווילדע קריגער. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך טויט און חורבן: זיי האָבן פארברענט פרידלאַכע שטעט, זיי האָבן אויסגעראָטן פעלדער און גערטנער. דאָס איז געווען דאָס וואַנדערפאָלק — די הוננען.

געוואוינט האָבן די הוננען אין גרויסע געדעקטע וואָגנס אויף פיר שווערע, אומגעלומפּערטע רעדער. דער וואָגן איז געווען איבערגעצויגן פון אויבן מיט עטלאַכע גרויסע רייפן און איבער די רייפן איז אָנגעצויגן געווען אַ שטיק דיקע פעלץ, און אזוי איז געוואָרן אַ בויד. דאָ זיינען געווען די פרויען און קינדער; דאָ איז אויך צוזאַמענגעלייגט געוואָרן דאָס אָנגערויבטע גוטס און דאָס עסנוואַרג.

דער וואָגן גופא איז געמאַכט געוואָרן פון דיקע קלעצער און איז געווען אזוי הויך, אַז אַרײַנקריכן און אַרויסקריכן פון אים האָט מען געמוזט מיט דער הילף פון אַ צוגעשטעלטן לייטער. אין דער דאָזיקער באַוועגלאַכער הויז זיינען איינגעשפּאַנט געוואָרן אַ פּאָר געזונטע אָקסן. פון אַ גאַנצע שורה אַזעלכע וועגן איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ שווערער קאַראַוואַן, וואָס האָט זיך באַוועגט זייער לאַנגזאַם. הינטער די וואָגנס זיינען געגאַנגען טשערעדעס פי, וואָס די הוננען האָבן אָנגערויבט אין די צוראַ-בירטע ערטער. כדי צו באַשיצן דעם קאַראַוואַן פון אַן אומגעריכטן אָנפאַל — האָבן אים באַגלייט באַוואָפנטע רייטער.

אָנגעפירט מיט די הוננען האָט אַטילאַ, וואָס איז פאַר זיין גרויזאַמקייט אָנגערופן געוואָרן „די שטראָף פון גאָט". זיין פאַ-כאָדנע ביידל איז געווען גרעסער און בעסער פון אַלע איבעריקע.

דאָס איז געווען אַ גרויס געצעלט, באַפּוצט מיט שטרי-קאַכטס און מיט העלע זיידענע שטאָפן, פראַכטיק און אפילו מיט

לוקסוס איינגעאָרדנט אינעווייניק. איבער זיין געצעלט האָט גע-
פלאַטערט אַ גרויסע העל-פאַרביקע פאָן, אויף וועלכער עס זיינען
געווען אויסגעמאָלט אלערליי חיות. דער געשטעל, אויף וועלכן
אַטילאַס געצעלט איז געשטאַנען, איז געווען אַזוי שווער און אין
געצעלט גופא איז געווען אָנגעלייגט אַזוי פיל משא, אז כדי צו
שלעפן אים, האָט מען געמוזט איינשפאַנען 20 געזונטע אָקסן.



## V.

ווען דער מענטש האָט זיך אָנגעהויבן צו באַשעפטיקן מיט ערד-אַרבעט, האָט ער שוין ניט געדאַרפט אומוואַנדערן פון איין אָרט אויפן צווייטן, ווי דער יאגד-מענטש אָדער דער פי-ציכטער; דאַמאָלסט האָט ער אָנגעהויבן צו בויען פאַר זיך אַ דירת-קבע — אַ שטענדיקע שטוב צו וואוינען. איצט האָט ער זיך שוין ניט באַנוגנט מיטן שטיקל טרוקן ברייט, ער האָט שוין אָנגעהויבן צו פאַרנעמען זיך מיט מלאכות און ס'האָט זיך אפילו אַביסל אַנט-וויקלט דער וועקסל-מסחר, דאָס הייסט, דאָס אויסבייטן פון איין זאַך אויף דער צווייטער.

דעם מענטשנס ערשטע בנינים זיינען געווען אויפן וואַסער. אין יענע טראָפּישע לענדער, וואו ס'איז פייכט און הייס, זיינען פאַראַן זייער אַ סך גיפטיקע שלאַנגען און אַנדערע געפערלאַכע שרצים. מען רעכנט, אַז טאַקע דעריבער האָט דער מענטש זיך דערטראַכט צו בויען וואוינונגען ניט אויף דער יבשה נאָר אויפן וואַסער. די דאָזיקע בנינים זיינען געבויט געוואָרן אויף פּאַליעס, וואָס זיינען אַריינגעשלאָגן געוואָרן אויפן גרונט פון אַן אָזערע, און זיי האָבן דעריבער געהייסן: פּאַליע-הייזער אָדער אָזער-נע-הייזער.

די פּאַליעס זיינען אַריינגעשלאָגן געוואָרן ניט ווייט איינע פון די אַנדערע. געווען זיינען זיי הילצערנע: דעמבענע, בוק-האָלצענע, פּיכטן-האָלצענע אָדער בערעזענע. יעדערע פון זיי איז געווען אַן ערך דריי קלאַפטער די לענג און דריי ווערשאָק אין דער ברייט. דעם שפּיץ פון דער פּאַליע האָט מען פאַרשאַרפט מיט אַ שטיינערנעם האַק אָדער אָפּגעבערנט אויפן פייער, כדי עס זאָל גרינגער זיין אַריינצוקלאַפּן. די פּאַליעס זיינען אַריינגעשלאָגן געוואָרן שטייענדיק אויף קליינע שיפעלאַך, וואָס

זיינען אויסגעדאָלבעט געוואָרן פון אַ קלאָץ. אויב דער גרונט איז געווען אַ האַרטער און די פּאַליעס זיינען ניט אַריין גענוג טיף, האָט מען זיי פאַרפעסטיקט מיט שטיינער, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן אויף די זעלביקע שיפלאַך און אַרומגעשאָטן געוואָרן אַרום די פּאַליעס.

די אַרבעט איז אָנגעפירט געוואָרן אויף אַזאַ אופן. צום אָנהויב האָט מען אַריינגעשלאָגן עטלאַכע ציילן פּאַליעס און פאַרפעסטיקט זיי מיט אַ פּאַמאָסט פון צווייגן און גאַנצע קלעצער, ניט אָפּגערייניקטע פון די קאָרע. דאָס איז געווען אַ גאַנץ פעסטער בריק—אַ פונדאַמענט, אויף וועלכן מ'האָט געבויט דעם גאַנצן בנין. דער בריק איז געווען אויף אַזוי פיל גרויס, אַז אויף אים האָבן זיך לייכט אויסגעשטעלט עטלאַכע ציילן הייזלאַך. יעדע הייזל האָט געהאַלטן פינף קלאַפטער די לענג און אַ קלאַפטער דריי די ברייט. כדי די הייזלאַך זאָלן שטיין פעסטער, האָט מען פאַר יעדער הייזל באַזונדער אַריינגעשלאָגן אַנדערע פּאַליעס, וואָס מ'האָט דורכגעלאָזן צווישן די צווייגן פון אונטערבעט. די ווענט זיינען באַשטאַנען פון עטלאַכע שטאַנגען, איבערגעפלאָכטן צווישן זיך מיט דינע ריטער און בויגיקע צווייגן. די ווענט זיינען פון אינעווייניק און פון דרויסן אויסגעשמירט געוואָרן מיט ליים, וואָס האָט, נאָכדעם ווי זי איז פאַרהאַרטעוועט געוואָרן, ניט דורכגעלאָזן קיין קעלט. דער דאַך איז געדעקט געוואָרן מיט קאָרע אָדער מיט שטרוי. דאָס גאַנצע שטיבל איז באַשטאַנען פון איין חדר. אין מיטן חדר אָדער אין איינעם פון זיינע ווינקלען איז פון עטלאַכע שטיינער צוזאַמענגעלייגט געוואָרן אַ פייער-אויוון, אַ מין פּריפּעטשיק. איבער דעם דאָזיקן „אויוון" האָט מען געלאָזן אין דאַך אַ לאָך אויף אַרויסצוציהען דעם רויך. אָנשטאָט פענסטער זיינען אין די ווענט געווען פּראָסטע לעכער, וואָס זיינען אין די קאַלטע וועטערן פאַרשטאָפּט געוואָרן מיט מאָך.



די הייזלאך אויפן וואסער.

צו דער אַרבעט האָט דער „טײַך-מענטש” דאָס רוב גע־ברויכט האַרטע און פעסטע שטיינער: פון זיי האָט ער זיך גע־מאַכט געווער און געצײַג צו דער אַרבעט. קײַלעכדיקע שטיינער מיט אַ לעכל אין מיטן האָבן אים געדינט אַלס באַלאסט, אַלס משא אַראָפּצוציען די נעצן ביים פיש-פאַנגען. ער האָט שוין אויך דערגאַנגען, אז די פיברן, די פעדים פון אייניקע צמחים, טויגן צו דער אַרבעט, האָט ער פון זיי געוועבט פלאַכטעס, גע־דרייט שטריק און פון דינע שטריקלאַך—געפלאָכטן נעצן.

גראָבנדיק די ערד, האָט זיך דער מענטש אָנגעשטויסן אויף מעטאַלן און איז אויפמערקזאַם געוואָרן אויף זייער אייגנשאַפט. האָט ער זיך געפּרובט פאַרבייטן זיינע שטיינערנע געצייג אויף מעטאַלענע; ער האָט זיך אָבער ניט באַלד אויסגעלערנט צו שמעלצן מעטאַלן און ער האָט לכתּחילה פּשוט פאַרשאַרפט אַ שטיקל רויען מעטאַל מיט אַ שטיין און אויסגעשניטן פון אים אַ האַק מיט אַ הענטל פון דער זעלביקער פאָרמע, וואָס דער פריערדיקער שטיינערנער. באַמערקנדיק אַז פון פייער ווערט מעטאַל ווייך, האָט ער זיך ביסלאַכוויַיז אויסגעלערנט צו שמידן און האָט שוין אָנגעהויבן צו מאַכן מערסטנטייל פון קופּער און בראָנז.

דאָס געברויך פון אייזן האָט ער נאָך ניט געוואוסט.

מיט דער הילף פון שטיינערנע און מעטאַלענע אינסטרומענטן האָט דער מענטש באַאַרבעט די ערד. ביסלאַכוויַיז האָט ער אויסגעהאַקט און אויסגעוואָרצלט די אור-אַלטע וועלדער און וואו ס'האָט זיך געפאָדערט—אויסגעברענט זיי.

אויף דער ערד, וואָס איז געמיסטיקט געוואָרן מיט דעם אַש פון די פאַרברענטע ביימער האָט ער געזייט זיין ברויט. אָבער די ערשטע צייט האָבן די פעלדער געגעבן קליינע און אומריינע קערנער. רייבנדיק די קערנער צווישן צוויי פלאַכע שטיינער, האָט ער באַקומען מעל. ער האָט פאַרמישט דאָס מעל מיט וואַסער און געבאַקט פלעצלאַך. חוץ תּבואה, האָט ער אויך אָנגעהויבן איינצופירן גערטנער.

די פעלדער זיינען באַאַרבעט געוואָרן ניט ווייט פון דער אָזערע, אָבער די בריקלאַך פון די הייזלאַך האָבן ניט דערגרייכט ביזן סאַמע ברעג און מ'איז אַהין צוגעקומען אויף שיפלאַך. דאָס איז געטאָן געוואָרן צוליב דעם, כּדי ניט חיות ניט אַ פרעמדער מענטש זאָלן קענען צוקומען צום „דערפל".

„פאַליע-געביידעס" זיינען נאָך איצט אויך פאַראַן ביי איי

ניקע ווילדע פעלקער פון אויסטראַליע. אויסערלאַך זיינען זיי פאַלשטענדיק ענלאַך צו די פּאַרציַיטיקע בנינים. די חורבות, וועלכע זייַנען געפונען געוואָרן אויפן גרונט פון איניקע אָזע־רעס, זייַנען נאָך אין אַ גאַנץ גוטן מצב.

דער דאָזיקער מין בנין, אין וועלכן דער פּרימיטיווער מענטש האָט געלעבט גאַנץ לאַנג, האָט צוזאַמען מיט זיינע מעלות געהאַט אויך חסרונות. אויב עס האָט אויסגעבראָכן אַ שׂרפה, האָבן אַלע הייזלאַך, וואָס זייַנען געווען צונויפגעדריקט איבאייינעם, געמוזט אָפּברענען.

און כאָטש אין אַזאַ פאַל האָבן זיך די מענטשן גלייך גע־וואָרפן צו די שיפלאַך, פונדעסטוועגן פלעגן דערביי זיין מענטש־לאַכע קרבנות. ווער רעדט די הייזלאַך גופא און דאָס גאַנצע האָב און גוטס—דאָס האָט געמוזט אומקומען אין פייער.

צווישן איין צייל הייזלאַך און צווייטן איז איבערגעלאָזן געוואָרן אַ שמאָל שטעגעלע. שפּילנדיק דאָ, האָבן קינדער לייכט געקאָנט אַרייַנפאַלן אין וואַסער און דערטרונקען ווערן, אָדער צעשלאָגן זיך אויף טויט אָן די שטיינער, וואָס זייַנען געווען אָנ־געשאָטן אויפן גרונט—אַזעלכע אומגליקן פלעגן טאַקע אָפט פּאַ־סירן. חוץ דעם האָט דאָס וואַסער אונטערגעשווענקט און אָפּ־געשוואַכט די פּאַליעס, וועלכע ס'איז אויסגעקומען אָפט צו פאַר־פעסטיקן און באַנייען. שטורים־ווינטן האָבן אָנגעמאַכט גרויסע הזיקות צווישן די הייזלאַך און די שטענדיקע פייכטקייט וואָס איבערן וואַסער האָט זיך אויך געלאָזט פילן. אויסער דעם האָט דער מענטש, וואוינענדיק ווייט פון זיינע פעלדער, ניט געקאָנט היטן זיי ווי עס געהער צו זיין, און ס'האָט ניט איין מאָל פּאַ־סירט, אַז אַ שונא האָט זיך אונטערגעגנבעט ביינאַכט, פאַרוויסט די פעלדער און חרוב געמאַכט די גאַנצע געדולדיקע ארבעט

זײַנע און אַלע זײַנע האָפענונגען אויף דער קומענדיקער געראַטעניש.

און דער מענטש האָט זיך גענומען אַריבערקלײַבן אויף דער יבשה. נאָר דאָ האָט ער אויך צום אָנהויב געבויט זײַנע הײַזלאַך אויף סלופעס, ווי אַ מין טויבן־קליאַטקע. אַרײַן אין אַזאַ הײַזל האָט מען געקאָנט נאָר מיט דער הילף פון אַ צוגעשטעלטן לײַטער. עס קאָן זײַן, אַז ער האָט אַזוי געבויט פון געוואוינ־הײַט און אפשר—מחמת ער האָט זיך געוואָלט פאַרהיטן פון פײַכטקײַט און פון פײַנדלאַכע אָנפאַלן. ווי די מעשה איז, די זײַלן זײַנען ביסלאַכווײַז אָפגעשאַפט געוואָרן און דער מענטש האָט גענומען בויען הײַזער אויף דר׳ערד.

## VI.

מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז די ערשטע און אײַנפאַכסטע געבײַדע, וואָס דער מענטש האָט זיך אויסגעלערנט צו בויען, איז געווען אַ בײַדל, אָבער אַ בײַדל פון צווײַגן האָט לאַנג ניט גע־קאָנט אָנהאַלטן: אַ ווינט, אַ רעגן, אַ שלעכט וועטער האָבן גיך געמאַכט פון איר אַ תּל. כּדי צו מאַכן דאָס בײַדל פעסטער, האָט דער מענטש גענומען אַרײַנשטעקן אין דער ערד שטעקלאַך און איבערפלעכטן זיי מיט ריטער, ווי מיר פלעכטן איצט קערב, אָדער ווי מ׳פלעכט אין קלײן־רוסלאַנד צאַמען. אָנשטאָט אַזעלכע ריטער, איז דער שטח צווישן די פלעקלאַך אָפט אויסגעפילט געוואָרן מיט שטיקער קאָרע, מיט ברײטע בלעטער, מיט גראָז, מיט טאָרף אָדער פשוט פאַרשאָטן געוואָרן מיט ערד. מיר ווייסן שוין אויך, אַז די אײַנוואוינער פון די פאַליע־הײַזער, פלעגן אַרומשמירן זײערע הײַזלאַך מיט לײם, פון וואַרימקײַט וועגן. דאָס גלײַכן האָבן זיי אויך געטאָן מיט די הײַזער, וואָס זיי האָבן געבויט אויף דער יבשה. און אפילו, אין אונזערע צײַטן, בויען

אַ סך פויערים זייערע כאַלופּעס—אָדער ווי מ׳רופט אין קליין-רוסלאַנד די „מאַזאַנקעס״—אויף דעם זעלביקן שטייגער.

ביסלאַכווייז, אויסבעסערנדיק זיין בײדל, האָט זיך דער מענטש דערטראַכט צו בויען אים אויף דיקע זײַלן. עס איז אַרויסגעקומען אַ הײזל — אַ קײַלעכדיקס, ווי די פריערדיקע בײדל. דער דאַך איז געמאַכט געוואָרן ווי די היטל פון אַ שוואָם און באַדעקט געוואָרן מיט בלעטער, מיט שטעקלאַך, מיט צעראָט אָדער מיט שטרוי.

אַ לאַנגע צײַט האָט מען אַלץ געבויט קײַלעכדיקע הײַזער, אָבער מ׳האָט זיי געמוזט בויען זייער גרויסע, מחמת מ׳האָט גע-וואוינט אין זיי גאַנצע משפחותווײַז, אָפטמאָל צו צוואַנציק הויז-געזינדן אין איין שטוב, און געפירט איין באַלעבאַטישקײַט, ניט טײלנדיק זיך.

אָנשטאָט קײַלעכדיקע הײַזער האָט מען מיט דער צײַט גענומען בויען פירקאַנטיקע וואָס זײַנען אַ סך באַקוועמער. קײַ-לעכדיקע דעכער זײַנען אויך אַרויס פון געברויך, און מ׳האָט גענומען מאַכן משפעדיקע דעכער, כדי דאָס רעגן-וואסער זאָל גיכער און גרינגער אַראָפּרינען.

אין די לענדער וואו עס זײַנען געוועזן ווייניק וועלדער, האָט מען אָנשטאָט האָלץ געמוזט זוכן אַן אַנדער פּאַסיקן מאַ-טעריאַל. אזאַ פּאַסיקער און דערצו נאָך שטאַרקער מאַטעריאַל האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן דער שטיין.

ווערליק מ׳קאָן אורטײלן נאָך די איבערבלײַבאַכצן פון פּאַרצײַטן, זײַנען די ערשטע שטיינערנע בנינים ניט באַשטימט געוועזן אויף צו וואוינען אין זיי, נאָר האָבן געדינט אלס מאָנו-מענטן און קברים-שטיבלאַך. כדי ניט צו פאַרגעסן אָן וואָס פאַר אַ געשעעניש, האָט מען אויף דעם אָרט, וואו דאָס האָט פּאַ-סירט, אַוועקגעשטעלט אַ גראָבע שטיינערנע קלאָץ. אָפּטמאָל זײַ-

נען די שטײנערנע סלופּעס אַװעקגעשטעלט אַזױ, אַז זײ בילדן פֿון זיך אַ ראָד. פֿאַראַן קרײַזן פֿון עטלאַכע הונדערט סלופּעס. אױף װאָס דאָס איז באַשטימט געװאָרן קאָן מען אױך זיכער ניט זאָגן, נאָר געלערנטע װילן האָבן, אַז זײ זײַנען אַװעקגעשטעלט געװאָרן לכּבוד גרױסע שבטים-אָנפֿירער, אָדער אַז דאָס איז געװען אַ מין טעמפּל. לעם אַזעלכע זײַלן זײַנען אין אײניקע ערטער פֿארבליבן גרױסע בערגלאַך ערד. בײַם פֿונאַנדערגראָבן די דאָזיקע בערגלאַך, האָט מען אונטער זײ געפֿונען סקעלעטן פֿון מענטשן. דערפֿון קאָן מען שליסן, דאָס דער אָרט, װאָס איז אַרומגעצױמט מיט די סלופּעס, האָט געדינט אױך פֿאַר אַ בית-עולם.

די מתים-שטיבלאַך אָדער קברים זײַנען שױן געװען ניט אַזױ פּשוט װי די זײַלן. זײ זײַנען געמאַכט געװאָרן פֿון גרױסע, שװערע שטײנערנע פּליטן אױף פֿאַרשײדענע אופֿנים. דאָס האָט מען געשטעלט צװײ פּליטן אײנע אַנטקעגן די אַנדערע, צודעקנדיק אױבן מיט אַ דריטן שטײן, אַזױ אַז דער קבר אָדער, װי זײ האָבן עס גערופֿן, דער דאָלמען האָט אױסגעזען װי אַ גרױסער טיש; דאָס האָט מען פֿון שטײנערנע פּליטן געמאַכט אַ קאַסטן און דאָס האָט מען דעם קבר גאָר אױסגעהאַקט פֿון שטײן.

פֿאַרצײַטן פֿלעגט מען צוזאַמען מיטן מת מקבר זײַן מיט אים זײַנע כּלי-זין און זײַנע צירונג. און אין די דאָזיקע שטײנערנע קברים זײַנען געפֿונען געװאָרן אַ סך שטײנערנע און מעטאַלענע זאַכן.

דער אײַנװאױנער פֿון די פּאַליע-הײַזלאַך האָט שױן געװוסט פֿון אײניקע מעטאַלן, װי, אַ שטײגער, בראָנז, קופּער, בלײַ און האָט זיך אַפֿילו אױסגעלערנט צוזאַמענשמעלצן זײ. אָבער די דאָזיקע מעטאַלן האָבן אים ניט צופֿרידנגעשטעלט; מחמת זײ זײַנען געװען צו װײך, האָבן זיך געבױגן און גע-

בראָכן. האָט ער גענומען זוכן אַ מער פּאַסיקן מעטאַל. ס׳איז קיין ספק ניט, אַז ער איז אויפמערקזאַם געוואָרן אויף אייזן, אָבער ער האָט זיך ניט גיך אויסגעלערנט צו באַנוצן עס. ווייל אייזן שמעלצט זיך נאָר ביי אַ זייער שטאַרקן פייער, האָט ער צום אָנהויב בלויז גענומען צומישן אייזן צום ווייכן און שמידיקן בראָנז. אין די קברים פון יענער עפּאָכע זיינען געפונען געוואָרן געווער און פאַרשיידענע צירונגען פון אַזאַ מין צוזאַמענשמעלץ. אמתע אייזערנע אויסאַרבעטונגען האָבן זיך באַוויזן ערשט אַ סך שפּעטער.

זינט דער מענטש האָט אויסגעפונען אַ מיטל, ווי אַזוי אויסצואַרבעטן אייזן, איז זיין לעבן געוואָרן קיין ערך ניט גרינ־גער. אים איז אַ סך גרינגער געוואָרן צו קעמפן מיט דער נאַ־טור און צו דערנערן זיך. מיט דער הילף פון אייזערנע ווערק־צייג האָט ער געקאָנט גרינגער באַאַרבעטן די ערד און מיט איי־זערנע אינסטרומענטן האָט ער געקאָנט גיכער און בעסער בוי־ען פאַר זיך אַ הויז.

נאָך מאָנומענטן האָט דער מענטש גענומען בויען פון שטיינער פעסטונגען, צו באַשיצן זיך פון שונאים. ער האָט עס געמוזט טאָן, מחמת ער איז באַפאַלן געוואָרן ניט נאָר פון חיות, נאָר אויך פון מענטשן, וואָס האָבן געשטרעבט אָפּצונעמען ביי אים זיין פאַרמעגן. דאַמאָלסט איז געווען אַ צייט פון גראָבער גוואַלדטאַט. ווען פיינט זיינען אָנגעפאַלן אומגעריכט, געראַבירט, געברענט, געקוילעט, געהרגעט.

פאַרזוכנדיק עס אויף זיך אַליין, האָט דער מענטש גענו־מען זוכן עפּעס אַ מיטל, ווי אַזוי צו באַשיצן זיך פון אַ געפאַר און פאַרבערייטן זיך צו אַ באַגעגעניש מיט רויבער. געלערנטע רעכענען אַז אַפילו הייל־מענטשן און וואַסער־איינוואוינער האָבן שוין געוואוסט פון פעסטונגען. דערצו האָט מען געוויינלאַך צו־

געקליבן ערטער, וואס זיינען באַשיצט פון דער נאַטור גופא, ווי אַ שטיינער, בערג אָדער משופעדיקע פּאָר-בערגלאַך, אויף וועלכע ס'איז ניט גרינג געווען אַרויפצוקלעטערן. אויף דער אויבערפלאַכע האָט מען אויסגעגראָבן אַרום און אַרום אַ גראָבן, די ערד פון וועלכן מ'האָט אַרומגעשאָטן ווי אַ וואַל, און אויפן וואַל האָט מען אַרויפגעלייגט אַ וואַנט פון שטיינער. הינטער דער דאָזיקער וואַנט האָט מען אַ געוויסע צייט געקענט אויסהאַלטן די באַלאַגערונג פון שונא.

דאָ איז, אויף אַ פאַל פון אַ באַלאַגערונג, געלעגן אָנגעגרייט אַ געוויסע מאָס אָנגעזאַמלטע שפייז. אַזעלכע פאַרפעסטיקונגען האָט מען אָפט באַגעגנט אויפן ברעג אָזערע ניט ווייט פון די פּאַליע-דערפלאַך. מ'דאַרף רעכענען, אַז ביים דערנעענטערן זיך פון שונא, האָבן די איינוואוינער פאַרכאַפּט וואָסערע ניט איז חפצים און איבערגעגאַנגען אין פעסטונג, און אויב ס'איז ניט געלונגען צו ראַטעווען די הייזער און פעלדער, האָט מען דאָ געקאָנט כאָטש ראַטעווען דעם אייגענעם לעבן און דאָס לעבן פון די ווייבער און קינדער. כדי גובר צו זיין די באַלאַגערטע, האָט דער שונא געמוזט אַרויפקלעטערן אויף די הויכע משופעדיקע זייטן באַרג, אַריבערגיין דעם וואַל און דעם גראָבן און אַרויפקריכן אויפן וואַנט. דאָס איז אָבער געווען ניט אַזוי לייכט צו טאָן, ווייל אין דער פעסטונג האָט מען אויך ניט געשלאָפן, און אין דער צייט וואָס דער שונא האָט געקלעטערט אויפן באַרג, האָט מען אים באַשאָטן מיט אַ האָגל פון פיילן און פאַרוואָרפן מיט שטיינער. אָפטמאָל איז געראָטן צו פאַרטרייבן דעם געגנער, נאָר אויב ער איז געווען זייער שטאַרק האָט אַזאַ פאַרפעסטיקונג אויך ניט געהאָלפן.

מיט דער צייט האָט זיך דאָס בויען פון פעסטונגען פאַרפולקומט. פון זיכערקייט וועגן, האָט מען גענומען מאַכן צווייענ-

דיקע און אפילו דרײַענדיקע פּאַרפּעסטיקונגען. איין גרויסער קרײַז איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גראָבן און מיט אַ וואַל; אין דעם גרויסן קרײַז האָט מען געמאַכט נאָך אַ קרײַז אַ קלע־נערן, און אין צווייטן קרײַז — אַ דריטן, נאָך אַ קלענערן. אין רעכטן מיטן פון דריטן עיגול האָט מען שוין אויפגעשטעלט ניט א וואַנט, נאָר אַ הויכן טורים פון שטיינער. שטיינער זײַנען אויסגעקליבן געוואָרן די סאַמע גרויסע, די וואַנט זאָל אַרויסקו־מען אַ דיקע. די שטיינער זײַנען מיט קיין זאַך ניט פּאַרפּעס־טיקט געוואָרן און האָבן זיך געהאַלטן דורך זייער אייגענער משא. טיילמאָל פלעגן די ווענט פון טורים געמאַכט ווערן טאָפּל־טע און דער שטח צווישן זיי איז אָנגעפילט געוואָרן מיט ערד. אין די ווענט זײַנען איבערגעלאָזן געוואָרן קליינע לעכער, דורך וועלכע מ׳האָט געקאָנט זען וואָס דער שונא טוט און וואַרפן אין אים שטיינער, שפּיזן און פײַלן.

אין שלום־צײַט האָט אין די דאָזיקע פעסטונגען קיינער ניט געוואוינט, אין זיי האָט מען זיך נאָר באַהאַלטן בעת אַן אָנ־פאַל. דער שונא האָט געדאַרפט נעמען איין וואַל נאָך דעם אַנ־דערן, איידער ער איז צוגעקומען צום טורים. נאָר אפילו ווען ער האָט שוין דערגרייכט דעם טורים, זײַנען די באַלאַגערטע, פּאַרלייגנדיק די טיר מיט שווערע שטיינער, געווען גענוג באַ־שיצט אין אים. דאַמאָלסט זײַנען נאָך ניט געווען קיין האַרמאַטן מיט גראַנאַטן, מיט וועלכע מ׳זאָל קענען צעשטערן אַזעלכע פעס־טע, דיקע ווענט, דעריבער איז דעם שונא געבליבן איינס צו טאָן: באַלאַגערן די פעסטונג, און געדולדיק וואַרטן ביז וואַנען ביי די באַלאַגערטע וועט אויסגיין דאָס עסנוואַרג און זיי וועלן זיך אַליין אונטערגעבן אָדער אויסשטאַרבן פון הונגער.

אויף דעם שטייגער פון טורימס, נאָר אַביסל איינפאַכער, האָט מען אויך גענומען בויען הײַזער צום וואוינען אין פרידן־

צייט. דאָס הויז איז געמאַכט געוואָרן קײַלעכדיק אָדער פּירקאַנטיק, פון שטיינער, וואָס זײַנען אָנגעלייגט געוואָרן איינער אויף דעם אַנדערן. אינעווייניק איז זי איבערגעצאַמט געוואָרן מיט שטיינערנע ווענט אויף עטלאַכע חדרים. כּדי עס זאָל פעסטער שטיין, האָט מען געגראָבן אַ גראָבן און אָנגעפילט אים מיט שטיינער. אויף דעם דאָזיקן גרונט אָדער פונדאַמענט האָט מען אויפגעשטעלט דעם בנין גופא. דער דאַך איז געמאַכט געוואָרן אָדער אַ פלאַכער, פון ברעטער, אַרומגערינגלט ביי די ברעגעס מיט שטיינער, דער ווינט זאָל זיי ניט פאַרטראָגן, אָדער אַ שטרויענער מיט וואליקעס.

ביז היינטיקן טאָג באַגעגענען מיר נאָך אין אַ סך לענדער געביידעס פון ניט צונויפגעצעמענטעוועטע שטיינער, איבערהויפּט אין בערגיקע ערטער, וואו עס זײַנען פאַראן אַ סך שטיינער. ביי די בערג־איינוואוינער זעט מען נאָך איצט אויך ניט זעלטן היזלאַך, וואָס טוליען זיך מיט איין זייט צום באַרג און זעען אויס ווי פויגלשע נעסטן. די ווענט זײַנען צוזאַמענגעלייגט פון שטיינער און אין דער פאָדערשטער ווענטל איז אַריינגעשטעלט אַ טיר און אַ פענסטער. אין די בערגיקע ערטער ווערן די הויפן און פעלדער אָפּגעצאַמט איינס פון דאָס אַנדערע מיט פאַרקאַנעס. אַזעלכע נידעריקע שטיינערנע ווענט רינגלען אויך אַרום די וועגן, וואָס ציען זיך איבער די אָפּגרונטן, כּדי צו פאַרהיטן דורכפאָרער און דורכגייער פון אַרונטערפאַלן.

## VII.

אַז שטיינערנע בנינים האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין באַקוועם און זיכער פאַר דעם מענטשן, האָט ער זיך גענומען פאַרפולקומענען און אויסבעסערן זיי. ער האָט געזען אַז שטיינער,

ניט צוזאמענגעבונדענע צווישן זיך האַלטן זיך נאָר אין דעם פאַל, ווען זיי זיינען זייער גרויס און שווער; קליינע אָבער פאַלן פונאנדער, צעשיטן זיך, און מ'דאַרף זייער אָפט באַנייען און פאַר־ריכטן דעם בנין. חוץ דעם, ווען עס רעגנט, שלאָגט זיך דורך צווישן די שפּאַלטן וואַסער, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס איין שטיין איז צוגעפּאַסט צום צווייטן. כּדי צו באַזייטיקן עס, האָט זיך דער מענטש דערטראַכט צו פאַרשמירן די זייטן פון די שטיינער מיט צעמענט, וואָס ער האָט געמאַכט פון זאַמד און וואַפּנע, אויסגעמישט מיט וואַסער. דער צעמענט איז אויף דער פרישער לופט פאַרהאַרטעוועט געוואָרן, אויסגעטריקנט, און די שטיינער זיינען געווען צוזאַמענגעקלעפּט צווישן זיך.

וואָס גלאַטער און גלייכער די שטיינער זיינען געווען אַלץ בעסער איז געווען צונויפלייגן זיי און פאַרפעסטיקן. פאַרטיקע שטיינער אַזעל־כע האָבן זיך געפונען זעלטן. בכלל, ווען די צאָל פון שטיינערנע בנינים האָבן זיך פאַרמערט, האָבן שוין ניט געקלעקט די שטיי־נער, וואָס זיינען אָפּגעפאַלן פון די בערג. דאָ האָט מען שוין געמוזט אַליין אָפּברעכן שטיינער פון די פעלזן און אויף אַזא אופן זיינען אַנטשטאַנען די ערשטע שטיין־ברעכעריען. פון ברעכן שטיינער איז איבערגעגאַנגען צום אַרומהאַקן שטיי־נער און ער איז געוואָרן א שטיין־האַקער. שטיינער זיינען אַרומ־געהאַקט געוואָרן אַלערליי, אי גרויסע, אי קליינע ווי ציגל, ווענדיק נאָך דעם בנין, וואָס מ'האָט געבויט.

פון די פאַרצייטיקע פעלקער זיינען די גרעסטע קינסטלער אין בויען שטיינערנע בנינים געווען די מצרים—די עגיפּטיאַנער. נאָך מיט פיר טויזנט יאָר צוריק פאַר אונזער צייט זיינען שוין ביי זיי געווען שטיינערנע הייזער און פּראַכטיקע, גרויסאַרטיקע טעמפּלען. דער עיקר האָבן זיי אַוועקגעלייגט א סך אַרבעט און טרחה אויף בויען די קעניגלאַכע קברים. די מצרים האָבן גע־

גלויבט, אַז דער אמתער לעבן הויבט זיך ערשט אָן נאָכן טויט. דעריבער זיינען די הייזער אויף דער וועלט ניט מער ווי אַ ציטווייליקע דירה, דער קבר אָבער האָט זיך גערעכנט פאַר אַ דירת-קבע, פאַר אַ אייביקער דירה.

אויף די פאַרפּוצונג פון דער דאָזיקער אייביקער דירה האָט מען קיין זאַך ניט געזשאַלעוועט. יעדער עגיפּטישער קיסר אָדער פּרעה,—ווי אַ קיסר האָט זיך גערופן אין מצרים, — האָט נאָך פאַרן לעבן געבויט פאַר זיך אַ קבר, באַמיענדיק זיך צו מאַכן אים גרעסער און פּראַכטיקער ווי זיינע עלטערנס. די קברים, אָדער די פּיראַמידן פון די פּרעהס זיינען געווען גרויסע, הויכע געביידעס, אונטן ברייט און וואָס העכער אַלץ שמעלער. אינע-ווייניק, איז אויף די ווענט פון דער פּיראַמידע אויסגעמאָלט גע-וואָרן מיט וואַסער-פאַרבן בילדער, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט די וויכטיקסטע געשעענישן און פּאַסירונגען פון דעם דאָזיקן קיסרס קיניגונג ווי אויך סצענעס פון זיין הויף און פאַמיליען-לעבן. דאָ זיינען געווען פאַרגעשטעלט מלחמות מיט אַנדערע פעלקער, יאַגד-בילדער, די צערעמאָניע פון קרבנות ברענגען צו די געטער, פאַרפליצונגען, אַלערליי בנינים, פעלד-אַרבעט, אַלערליי בעל-מלאכות ביי זייער אַרבעט, ווי אַזוי עס ווערט געמאַכט פּאַפּי-רוס—אַ באַזונדער סאָרט גאַנץ דינע פּאַפּיר, וואָס איז אויסגע-אַרבעט געוואָרן פון דאָס אינעוועייניקסטע פון אַ געוויסער עגיפּ-טישער געוויקס. עס זיינען געווען אויסגעמאָלט אַלערליי צמחים, בלומען, מאָלצייטן, פאָלקס-געריכטן, לויות, די הויף-פּאַלאַצן, טעמפּלען און אַזוי ווייטער.

די פּיראַמידן האָבן זיך געבויט פון שטיינער, וואָס מ׳האָט אויסגעהאַקט אין די בערג. אויף צו ברענגען די שטיינער האָט מען געמאַכט באַזונדערע שאָסייען, אויסגעברוקירטע מיט קליינע שטיינדלאַך. די גאַנצע אַרבעט אָנהויבנדיק פון די וועגן מאַכן

ביז די פּיראַמידן בויען, איז געווען אויסערגעוויינלאַך שווער. באַזונדערס שווער איז געווען צו שלעפּן איבער אַ גרויסן מרחק די גרויסע שטיינערנע גליבעס—און אַזעלכע האָט זיך אויף יע־דער פּיראַמידע געפאָדערט אַ סך.

אויף דער איין פּיראַמידע פון דעם פּרעה העאָפּס — פּיתום—די גרעסטע פון אַלע פּיראַמידעס—האָט זיך געפאָדערט ניט מער און ניט ווייניקער ווי דריטהאַלבן מיליאָן פינף־קלאַפּ־טערדיקע שטיינער.

הונדערט טויזנט מענטשן האָבן צוואַנציק יאָר געהאָרעוועט אויפצובויען זיי. איין צייט האָבן די דאָזיקע שווערע אַרבעט גע־טאָן די פאַרשקלאַפטע אידן. דאַמאָלסט טאַקע האָט משה, וואָס האָט ניט געקאָנט צוזען די אומדערטרעגלאַכע יסורים פון זיין פאָלק, באַשלאָסן מיט גוואַלד אַרויסצופירן די אידן פון מצרים.

די מצרים פלעגן מקבר זיין זייערע מתים גאָר אויף אַ באַזונדער שטייגער: פריער פון אַלץ איז דער קערפּער באַלזאַ־מירט געוואָרן: מ׳האָט פון אים אַרויסגענומען דעם מאַרך און די אינגעווייט—די טיילן, וואָס ווערן גיך קאַליע — און מ׳האָט דעם ליידיקן אָרט פון גוף אָנגעפילט מיט אַלערליי דופטיקע בוימאיילן און פּעכן. דערנאָך האָט מען אים פאַרוויקלט מיט אַ פלאַקסענער וויקאַלע, ווי מ׳וויקלט אַ קינד. די דאָזיקע וויקאַלע איז געמאַכט געוואָרן זייער לאַנג און אָפטמאָל דערגרייכט ביז הונדערט און אַכציק קלאַפטער די לענג. אַזאַ פאַרבאַלזאַמירטער מת האָט זיך גערופן—מומיע.

די מומיע האָט געהאַט דאָס אויסזען פון אַ לעבעדיקן קערפּער באַדעטנד לענגער מחמת די וויקאַלאַך. פון אויבן איז די מומיע אויסגעמאָלט געוואָרן מיט אַלערליי פאַרבן און טייל־מאָל האָט מען אויף איר אויפגעשריבן פּסוקים פון הייליקע כתבים. אויף דעם אָרט פון פּנים, האָט מען אויסגעמאָלט דעם גע־

שטאָרבענעמס פּאָרטרעט אָדער מ׳האָט געמאכט אַ גאָלדענע מאַסקע. די מומיע איז ניט קאַליע געוואָרן און איז מיט דער צייט פאַרהאַרטעוועט געוואָרן ווי אַ שטיין. אַ סך פון זיי וואָס זיינען אָפּגעלעגן אין זייערע קברים צו עטלאַכע טויזנט יאָר, זיינען גאַנץ געבליבן ביז היינטיקן טאָג.

ווען אַ פּרעה איז געשטאָרבן, האָט מען פייערלאַך איבערגעטראָגן זיין מומיע אין זיין פּיראַמידע, אַוועקגעשטעלט לעם אים פאַרשיידענע זאַכן, וואָס ער האָט באַנוצט ביים לעבן, און פאַרמויערט דעם איינציקן אַריינגאַנג. די פּיראַמידע האָט ניט געהאָט קיין טיר, ניט קיין פענסטער, און קוקנדיק אויף אירע גלאַטע, מאַסיווע ווענט, איז שווער געווען צו טרעפן וואָס איז דאָרטן איגעווייניק באַהאַלטן. די פאַרצייטיקע מצרים זיינען שוין לאַנג פאַרשוואונדן פון דער וועלט, און ס׳איז ניט געווען קיינער, ווער עס זאָל זאָגן, צוליב וואָס זיינען אויסגעבויט געוואָרן די דאָזיקע קאָלאָסאַלע געביידעס, וואָס זיינען גאַנץ געבליבן ביז היינטיקן טאָג. געלערנטע האָבן אָבער על פּי שכל פאַרשטאַנען, אַז גלאַט אין דער וועלט אַריין וואָלטן די מצרים ניט געבויט אַזעלכע בנינים. כּדי איבערצוצייגן זיך, האָט מען איינס נאָך דאָס אַנדערע געעפנט די פּיראַמידן און די חפצים, די אויפשריפטן און בילדער, וואָס מ׳האָט דאָרטן געפונען, האָבן אונז געגעבן אַ קלאָרן בילד, פון דאָס לעבן אין אַלטן מצרים.

פון אַנדערע בנינים האָבן זיך מיט זייער פּראַכט און גרויסאַרטיקייט אויסגעצייכנט די טעמפּלען. דאָס רוב זיינען זיי געבויט געוואָרן אויף דעם חשבון פון די פּרעהס, וואָס האָבן דערויף געפּטרט גאַנצע פאַרמעגנס. דער טעמפּל איז געוויינלאַך געבויט געוואָרן אויף אַ הויף, וואָס איז געווען ארומגעצאַמט מיט אַ שטיינערנע וואַנט. אין הויף האָבן געפירט הויכע טויערן, וואָס זיינען באַפּוצט געווען מיט קונסט-מאַלאַכץ. פּאַר

די טויערן זיינען געשטאנען הויכע שפּיציקע זיילן, סטאַטועו פון מענטשן און חיות. אָפטמאָל זיינען זיי געווען אַרומגערינגלט מיט געדעקטע גאַליערייען, דורך וועלכע מ'איז געגאַנגען צו דער קאַפּליצע, וואו עס זיינען געשטאַנען די אָפּגעטער. די הויפּט־טעמפּלען זיינען געווען געווידמעט דעם גאָט אָזיריס און דער געטין איזידא.

## VIII.

די הייזער צום וואוינען האָבן זיך ביי די מצרים ניט אויסגעצייכנט ניט מיט דער פעסטקייט, ניט מיט דער רייכקייט פון די פּיראַמידן און טעמפּלען. אָרימע לייט האָבן געוואוינט אין קליינינקע, אָרימע הייזלאַך, וואָס זיינען געווען אָנגערוקט איינס אויף די אַנדערע אין שמאָלע און קרומע געסלאַך, יעדע כאַ־לופּקע איז באַשטאַנען פון איינס — העכסטנס צוויי חדרימלאַך. ביים שטיבל איז געווען אַ קליינער הויפל.

סיי די הייזלאַך פון אָרימע לייט, סיי די הייזער פון די מער פאַרמעגלאַכע קלאַסן האָבן זיך געוואוינלאַך געבויט פון ערד אָדער געבערענטן ליים און זיינען פון דרויסן אויסגעשמירט געוואָרן מיט שליאם. אַ רייכע הויז איז באַשטאַנען פון צוויי שטאָק. אונטן זיינען געווען שפּייכלערס, שטאַלן און צימערן פאַר קנעכט. אויפן אויבערשטן שטאָק האָט געוואוינט דער באַלעבאָס מיטן הויז־געזינד.

זומער־צייט איז אין מצרים אַ גוואַלדיקע היץ, האָט מען געמוזט בויען די הייזער אַזוי, אַז מ'זאָל אין זיי זיין באַשיצט פון דער ברענענדיקער זון. די ווענט זיינען דעריבער געמאַכט געוואָרן דיקע, כדי זיי זאָלן אַזוי גיך ניט אָפּגעברענט ווערן. די פענסטער זיינען שטענדיק געמאַכט געוואָרן נאָר צו צפון־זייט

און זײַנען זומער-צײַט אויף א גאַנצן טאָג פֿאַרהאַנגען געוואָרן מיט פֿאָרהאנגען און טעפּיכער און זײַנען פֿאַרמאַכט געוואָרן מיט לאָדן. די צימערן זײַנען געלופֿטערט געוואָרן ניט פֿריער ווי די זון איז פֿאַרגאַנגען. אין אַנדערע הײַזער זײַנען נאָך גע-ווען קעלערן, וואו מ׳האָט געקאָנט זיך אויסבאַהאַלטן פֿון דער היץ. געגעסן האָט מען בעווײַנלאַך, אויף דער אָפֿענער גאַלעריִע וואָס האָט זיך געצויגן אַרום שטוב, און דאָס ערשט נאָך דער זון-אונטערגאַנג. לעם שטוב איז געווען אַ הויף מיט ווירטשאַפֿטלאַ-כע בנינים: שפּײַערס, שפּײַכלערס. נאָכן הויף איז געווען אַ גאָרטן מיט דורכגעשניטענע וועגלאַך און מיט שפּריצנדיקע פֿאָנטאַנען, וואָס האָבן אָפּגעפרישט און אָפּגעקילט די לופֿט. אין גאָרטן האָבן געוואָקסן שײנע בלומען, און פּראַכטיקע בוימער: גרויסע, צווײַגיקע פֿײַגן-בוימער און אַלערלײ פּאַלמען.

אין עגיפּטן זײַנען שוין דאַמאָלסט געווען אַ רעכט ביסל רײַכע מענטשן, וואָס האָבן אָנגעזאַמלט אַ עשירות. אָרימע לײַט האָבן קײנמאָל ניט פֿאַרלאָסן זײערע הײַזלאַך, ווײַל זײ האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז קײנער וועט זיך ניט קוואַפּען אויף זײער ביסל אָרימקײַט. די גבירים אָבער פֿלעגן מאַכן שווערע שלעסער און ריגלען אויף זײערע טירן. אויב ס׳איז זײ אויסגעקומען אַוועק-צופֿאָרן פֿון שטוב אויף אַ לאַנגע צײַט, פֿלעגן זײ, חוץ דעם, אַרויפֿלײגן אויפֿן טיר אַ שטעמפּל פֿון קלעפּיקע בלאָטע. צע-ברעכן אַזאַ שטעמפּל האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ גרויסן פֿאַר-ברעכן, פֿאַר וועלכן מ׳איז שטרענג באַשטראָפֿט געוואָרן.

אין די הײַזער פֿון די פֿאַרמעגלאכע עגיפּטיאַנער זײַנען גע-ווען פֿאַרשײדענע מעבל: טישן, שטולן, בײנקלאַך, באַשלאָגענע מיט פֿאַרביקע שטאָפֿן און נידעריקע בעטן מיט לעדערנע קישנס. די מעבל איז אָפֿט געווען זײער טײַער, פֿון שוואַרצן אָדער רויטן האָלץ, באַפּוצט מיט זעלטענע שניצערײַען און אײַנקרו-

סטאַציעס פון עלפאַנט־ביין און מאַרמאָר. די בעט איז פאַרהאַנגען געוואָרן מיט אַ דינעם טולענעם פאָרהאַנג, כדי צו באַשיצן זיך פון די קאָמאַרן און מאָסקיטן, וואָס האָבן זיך געטראָגן מחנות־וויז און ניט געגעבן דעם מענטשן קיין רו ניט ביטאָג, ניט ביינאַכט. איינע פון די נויטווענדיקסטע זאכן אין דער שטוב־ווירטשאַפט זיינען געווען פאָכערס פון פאַווע און שטרויס־פע־דערן, מיט וועלכע די קנעכט האָבן געפאָכעט די באַלעבאַטים, זיי זאָלן אַזוי ניט ליידן פון היץ. ביי די עגיפּטיאַנער האָבן אויך עקזיסטירט פאַרשיידענע לוקסוס־זאכן, ווי למשל, געשמיטע קאַסטנס און שאַכטלאך, געגאָסענע מעטאַלענע שפּיגלען, אַלער־ליי קאָסטבאַרע צירונגען, מיט וועלכע עס האָבן זיך באַפּוצט רייכע פרויען, געמאָלטע געפעס און פאַרשיידענע קליינקייטן. אַנדערע פעלקער זיינען אויך איבערגעגאַנגען, ווי די מצרים, אויף געביידעס פון אַרומגעהאַקטע שטיינער. אויף אַזאַ געביידע איז, מיינסטענטיילס, געמאַכט געוואָרן אַ פלאַכער דאַך. אין טראָפּישע הייסע לענדער איז דאָס זייער אַ באַקוועמע זאַך, ווייל די גאַנ־צע הויז־געזינד גייט אינאָווענט אַרויס אויפן דאַך אָפּרוען. געווען אויך אַזעלכע בנינים, אין וועלכע די ווענט זיינען פון אויבן צו־זאַמענגעקומען זיך. ערשט שפּעטער, מיט דער צייט האָבן זיך מענטשן אויסגעלערנט צו מאַכן סופיטן, ווי מ׳מאַכט איצט אין קירכן. דער מענטש האָט אויך איבערגענומען איינזיקע שטריכן פון די פריערדיקע הילצערנע בנינים און האָט זיי איינגעפירט אין איצטיקע שטיינערנע.

אַזוי, למשל, האָט מען פריער געבויט הילצערנע היזער אויף פאַליעס אָדער סלופּעס, האָט ער אין די שטיינערנע היזער געמאַכט זיילן, שוין ניט פון פעסטקייט וועגן, ווי אין די פריערדי־קע הילצערנע היזער, נאָר פון שיינקייט וועגן. זיילן זיינען געווען פאַרשיידענע: געווען קיילעכדיקע און גלאַטע, געווען געשליפטע

מיט קאַנטן, געווען גלייכע, און געווען אזעלכע, וואָס זיינען גע-גאַנגען אונטן ברייט און אויבן שמאָל. דער פונדאַמענט פון זייל איז געמאַכט געוואָרן פון פעסטע, ברייטע שטיין-פליטן און דער שפּיץ אָדער דאָס קאַפּיטעל—דער קאָפּ, איז באַדעקט געוואָרן מיט געשניצטע און געפלאַסטערטע באַפּוצונגען.

געמויערטע הייזער זיינען אַ סך דויערהאַפטער ווי אַנדערע. אַ חוץ דעם, האָט די פּראַקטיקע באַוויזן, אַז זיי זיינען ניט אַזוי גע-פערלאַך ווי הילצערנע בנוגע צו אַ שרפה. דאָס זיינען אַלץ גרויסע מעלות, אָבער ניט אומעטום זיינען פאַראַן שטיינער. אין אייניקע ערטער האָט מען זיי געדאַרפט ברענגען צופירן פון ווייט, דאָס ברענגען און באַאַרבעטן האָט געקאָסט טייער און איז דעריבער געווען ניט פאַר יעדערנס קעשענע. ווי מיר האָבן שוין געזען, איז אפילו אין מצרים, געווען זעלטן שטיינערנע געביי-דעס. אויף בויען הייזער האָט מען געברויכט ערד און ליים. ווען די טייכן זיינען נאָכן אויסגוס צוריק אַריין אין זייערע ברעגן, פלעגט אויפן אָרט פון דער פאַרפלייצונג איבערבלייבן אַ דיקער פלאַסט שליאַם, טייך-זומפּ, שיטערע בלאָטע און פעטע ליים. דאַהין פלעגט מען צומישן דראָבנע צעהאַקטע שטרוי, דאָס וואָס מיר רופן „סעטשקע”, און אַריינלייגן עס אין פאָרמען. אַז דאָס פלעגט אונ-טערטריקענען און געדיכט ווערן האָט מען די פאָרמע פאָרזיכטיק איבערגעקערט און מ'האָט געהאַט אַ מין ציגל, וואָס איז אויפן זון פאַרהאַרטעוועט און אויסגעטריקנט געוואָרן. די דאָזיקע חומר ולבנים, אָט די ציגל פון זומפּ, ליים און שטרוי, זיינען געמאַכט געוואָרן אין אַ גרויסער צאָל און ווייל עס איז געווען גרינג צו מאַכן זיי, האָט עס זייער וואָלוול געקאָסט. ביים בויען האָט מען זיי עטוואַס אָנגעגנעצט און זיי זיינען צוגעקלעפּט געוואָרן איינס צום אַנדערן.

נאָך אין די אַלטסטע צייטן, איז מענטשן באַקאַנט געווען דער געברויך פון נאַסע ליים, פון וועלכע זיי האָבן געמאַכט כלים,

לכתחילה מיט די הענט און שפעטער—מיט דער הילף פון אַ דריי־קלעצל. באַמערקנדיק, אַז פון פייער ווערן ליימענע כלים אויסגע־ברענט און לייכטער, האָבן זיי זיך ביסלאַכווייז אויסגעלערנט אויס־ברענען כלים. דערנאָך האָט מען געגומען ברענען ציגל. מיט דער צייט זיינען געוואָרן באַזונדערע ציגל־זאַוואָדן, וואו מ׳מישט ליים מיט זאַמד, מ׳פּירט עס פונאַנדער מיט וואַסער, מ׳צעלייגט אין פאָר־מען, דערנאָך לייגט מען עס ארויס אויפן זון און, נאָכדעם ווי זיי טריקענען אויס—ברענט מען זיי אין באַזונדערע אויוונס. אויף גרויסע זאַוואָדן ווערט עס אַלץ געמאַכט מיט מאַשינען.

אַ חוץ ציגל האָט מען פון ליים געגומען מאַכן קוימענס און רויטן קאַכל אויף צו דעקן דעכער. די קאַכל ווערן געלייגט איינע אויף די אַנדערע, ווי די שופּן פון אַ פיש. אויבן, דאָרטן וואו דער דאַך קומט זיך צונויף, מאַכט מען אַ געזשימס פון האַלב־אויס־געבויגענע קאַכל.

ערשט אַ סך שפּעטער האָבן זיך מענטשן דערטראַכט צו דעקן דעכער מיט בלעך־אייזן. בלעכענע דעכער זיינען אַ סך טייערער, אָבער דערפאַר זיינען זיי שטאַרקער און זיינען גוט אין קאַלטע לענדער. פאַר הייסע קאַנטן טויגן זיי ניט, מחמת זיי ווערן שטאַרק אָנגעברענט פון זון.

ליים האָט געגעבן פאַר בנינים אַ בילִיקן מאַטעריאַל—ציגל און קאַכל. ציגל זיינען אויך אַזוי גוט צו בויען הייזער ווי שטיי־נער, ציגל ברענט ניט גיך און איצט האָט מען אפילו אויסגעפונען אַ סאָרט פייער־באַשטאַנדיקן ליים, פון וועלכן מ׳מאַכט פייער־באַ־שטאַנדיקע ציגל. די דאָזיקע ציגל ווערן געברויכט אין אַזוינע ער־טער צום בנין, וואו עס קאָן גיכער ווי ערגעץ אַנדערש אויסברעכן אַ שׂרפה, ווי למשל, אויף פאַבריק־קוימענס אָדער רויך־דורכגאַנגען אין די ווענט.

אויספּאָרשנדיק פאַרשײדענע מינים לײם, האָט זיך דער מענטש אָנגעשטויסן אויף אַזעלכע סאָרטן, פון וועלכע מ׳קען אויסארבעטן פײַנע כּלים—פּאָרצעלײַענע, פאַיאַנסענע און פאַרפּאָרענע, די דאָזיקע סאָרטן געפעס ווערן אויך געברענט אין אויוונס. ביסלאַכווײַז האָט דער מענטש גענומען צוגעבן די כּלים פאַרשײדענע פאָרמען: די ברעגן און אינעווײניק באַגילטן, אויסמאָלן קווײטיקע אוזאָרן, פאַרשײדענע אָנזיכּנין, בילדער, בלומען, פויגלען, חיות, מענטשן. אײניקע פעלקער זײַנען באַזונדער באַרימט געוואָרן מיט דער קונסט פון אויסארבעטן פאַרפאָר, ווי אַ שטײגער די כינעזער. בײַ זײ ווערן אפילו די קאַכל, מיט וועלכע מ׳דעקט דעכער, געמאַכט פון גלאַנציקן פילפאַרביקן פאַרפאָר.

דער מענטש האָט אָנגעהויבן זאָרגן דערפאַר, אַז זײַן דירה זאָל זײַן ניט נאָר פעסט און באַקוועם, נאָר אויך שײן און הײמלאַך, האָט ער גענומען די ווענט באַשמירן פון אינעווײניק און פון דרויסן מיט וואַפּנע, אויסקאַלכן אָדער אויספאַרבן מיט אײל-פאַרב. נאָך שפּעטער האָט מען גענומען באַשלאָגן די ווענט מיט שטאָפן אָדער אויסקלעפּן מיט טאַפּעטן; אויוונס האָט מען גענומען מאַכן פון קאָלירטע קאַכל, די סופיטן—אויסגעמאָלט אָדער באַפּוצט מיט פלאַסטערונגען. אין די פענסטער-ראַמען האָט מען פון אָנהויב אַרײַנגעשטעלט שויבן פון די-בינקע טאָוולען פון אַזוי גערופענעם, שפּיגל-שטײן, וואָס מענטשן האָבן געפונען אין די בערג. דער שפּיגל-שטײן האָט אפילו דורכגעלאָזן ליכטיקײַט, ער איז אָבער ניט געווען גענוג דורכזיכטיק. אָפּטמאָל האָט מען דעם שפּיגל-שטײן פאַרביטן מיט דורכנעפּעטיקטן לײַוונט. צום סוף, ווען ס׳איז דערפונדן געוואָרן גלאָז, האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזן צו זײַן דער סאַמע בעסטער און פּאַסיקסטער מאַטעריאַל פאַר שויבן.

מ׳האָט אויך גענומען מאַכן אין די הײַזער דילן, וואָס זײַנען

אויסגעלייגט געוואָרן פון ברעטער אָדער פון פיל-פארביקע פלאַסטער-קאַכל אין אַלערליי מוסטערן.

די צימערן זיינען איינגעטיילט געוואָרן אַזוי, אַז יעדער חדר זאָל זיין פאַר אַ באַזונדער זאַך. איצט איז שוין ניט ווי אַ מאָל, ווען איין און דערזעלביקער חדר איז געווען אי אַ עס-צימער, אי אַ שלאָף-צימער, אי אַ גאַסט-צימער, אי אַ קיך און אפילו אַ חזיר-שטאַל. מעבל איז אויך וואָס וויטער, אַלץ בעסער אויסגעאַרבעט געוואָרן און האָט געדינט אַלס ציִרונג פון דער דירה. די דילן זיינען באַדעקט געוואָרן מיט טעפּיכער, וואָס האָבן פּאַרטויבט די טריט. אויף די ווענט זיינען אויפגעהאַנגען געוואָרן בילדער אין שוואַרצע אָדער באַגילטע ראַמען, אויף פּאָסטאַמענטן זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן סטאַטוען און פי-גורן, אויף די ברייטע פענסטער—וואַזאָנען און לעבעדיקע בלו-מען אין וואַזן.

אין די אַמאָליקע צייטן האָט דער מענטש אַליין געקאָנט אויס-בויען פאַר זיך זיין איינפאַכע וואוינונג און מאַכן די נויטיקע כלי-בית. דאָס לעבן איז אָבער געגאַנגען פּאָרווערטס, יעדע אַרבעט איז אַלץ מער פּאַרפּולקומט געוואָרן, און במילא,—האָט זיך געפאָדערט מער קענטעניש אויסצופירן זי, אַזוי אַז מ'האָט געמוזט איינטיילן פאַר-שיידענע אַרבעטן צווישן פאַרשיידענע מענטשן: איין מענטש האָט גע-נומען לערנען איין מלאכה, דער צווייטער מענטש—די צווייטע: דער שטיין-האַקער, דער בויער, דער דאַך-דעקער, דער טאַפּעטן-הענגער, דער וועבער, דער שניידער, דער שוסטער און אַזוי ווייטער,—יעדע-רער האָט זיך שוין באַשעפטיקט בלויז מיט זיין אַרבעט.

פאַרשיידענע פעלקער האָבן באַנוצט צו זייערע בנינים געהילץ, שטיינער, ליים, אייזן, גלאָז. אַלס הויפּט-מאַטעריאַל האָט געדינט דאָס, וואָס איז אין לאַנד געווען מער און געקאָסט ביליקער. אין בערגיקע ערטער איז מייסטנטיילס באַנוצט געוואָרן שטיין; אין וואַלדיקע לענדער—געהילץ.

רוסלאַנד איז אַמאָל גוואַלדיק רײַך געווען אין וועלדער, ס׳איז דעריבער קײַן חידוש ניט, וואָס די הײַזער זײַנען פאַרצײַטן געווען בלויז הילצערנע, אין די שטעט האָבן שטײנערנע הײַזער, מיט דער צײַט, גענומען אַרויסשטופן די הילצערנע, אָבער אין די דערפער פון די וואַלד-קאַנטן בויט מען נאָך איצט אויך בלויז הילצערנע הײַזער.

יעדעס פאָלק האָט זיך זײַן פאַסאָן הײַזער, פונקט אַזוי ווי זײַן שניט מלבושים; אין דעם דריקט זיך אויס זײַן גוסט, זײַן געשמאַק, זײַן שאַפונג-כח, זײַן ערפינדונג-קראַפט. ס׳איז באַמערקט געוואָרן, אַז וואָס דער קאַנט איז אָרימער און דער קלימאַט — שטרענגער, אַלץ אײַנפאַכער, אַלץ פשוטער זײַנען די בנינים און פאַרקערט—אין הייסע לענדער, וואו די נאַטור איז רײַך און פראַכטיק, ווערט דער מענטש אויך באַגײַסטערט פון איר און נאָכמאַכנדיק דער נאַטור, בויט ער פרײַע און רײַכע געבײַדעס.

דער מענטש מוז זיך שטענדיק צופאַסן צו די באַדינגונגען פון יענער לאַנד, אין וועלכער ער וואוינט און בויען הײַזער, וואָס זאָלן זיך צופאַסן צו די לעבנס-באַדינגונגען, אין וועלכע די נאַטור האָט אים אוועקגעשטעלט. לאָמיר אָנווײַזן אײניקע בײַשפילן:

אין ווײַטן צפון-אַמעריקע וואוינט אַ פאָלק, וואָס הייסט עסקימאָסן. דאָס איז אַ ווילד יאַגד-פאָלק, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט ים-הונט (טיולענעס) פעלץ-חיות און פיש. אומפרײַנדלאַך איז זייער קאַנט. נײַן חדשים נאָכאַנאַנד ציט זיך דאָרטן דער בייזער ווינטער, וואָס פאַרגליווערט אַלץ אַרום מיט זײַן קאַלטן אָטעם. אויף אַ ענדלאָזן שנה זעט זיך ניט מער ווי שניי-פעלדער און אײַז-בערג, קיין בוימעלע, קיין צווײַגעלע, קיין גרעזעלע. די נאַטור זעט אויס טויט און פינסטער. אפילו חיות באַגעגנט איר ווייניק. זעלטן נאָר לויפט דורך איבער די אײַז-פעלדער אַ ווײַסער בער, אָדער אַ ים-הונט רוקט אַרויס זײַן קאָפּ פון אונטערן אויסגעהאַקטן אײַז צו

כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט. דריי חדשים אין מיטן ווינטער, גייט די זון גאָרניט אויף, און די גאַנצע צייט ציט זיך איין לאַנגע, פינסטערע נאַכט. דער קורצער זומער צייכנט זיך אויס פון לאַנגן ווינטער דערמיט, וואָס די זון גייט דריי חדשים נאָכאַנאַנד ניט אַראָפּ פון הימל, און עס שטייט אַ לאַנגער דריי חדשימדיקער טאָג. די טייכן עפענען זיך אויף און די אייז לעם די ברעגן גייט אָפּ. ערטערוויין, וואו דער שניי איז ניט טיף, ווערט די ערד אָפּגעדעקט און עס באַווייזט זיך אַ מאָגערע אָרימע גרעזל. קיין שום אַנדערע צמחים קאָנען דאָ ניט זיין, מחמת די פרעסט הערן דאָ ניט אויף אפילו זומער-צייט, ניט מער, וואָס זיי זיינען שוואַכער און ניט יעדן טאָג. די ערד האָט נאָך קיין צייט ניט צו דערוואַרימען זיך אַ ביסל, ווי זי ווערט שוין ווידער פאַרפרוירן.

זומער איז פאַר דעם עסקימאָס די בעסטע צייט: דאַמאָלסט כאַפּט ער לאַקס אין טייך, ער יאָגט זיך אין זיין שיפל איבערן ים נאָך ים-הינט, נאָך וואַלפישן, און קאָן זיך כאָטש אָנגרייטן וואָס עס איז אויף ווינטער. דערפאַר ווינטער איז פאַר אים אַ ביטערע צייט. אויב ער האָט זיך אַליין ניט צוגעגרייט קיין עסן, האָט ער ניט ביי וועמען און וואָס צו קויפן.

דער עסקימאָס ווייס, אַז דער ים-הונט קאָן ניט זיין שטענדיק אונטערן וואַסער און מוז זיך פון צייט צו צייט אויפהויבן צו כאַפּן לופט, דורך די לעכער, וואָס ער גריבלט אויס מיט די נעגל אין אייז. דער עסקימאָס באַזעצט זיך דעריבער אויף אַ גאַנץ ווינטער אויפן אייז, וואָס ציט זיך אויף צענדליקער און הונדערטער וויאָרסטן, און היט אָפּ די ים-הינט לעם די דאָזיקע לעכער. איידער דער זומער קומט אָן, דאָס הייסט, איידער דער אייז רירט זיך, גייט דער עסקימאָס צוריק איבער אויף דער יבשה. לאָמיר-זשע זען ווי אַזוי און פון וואָס בויט דער עסקימאָס זיין וואוינונג.

קײן װעלדער זײַנען דאָרטן ניטאָ, הײסט עס, אַז ער האָט קײן האָלץ ניט, פֿונאַנדערהאַקן די פּאַראַײזטע האַרטע פֿעלזן צו באַקומען שטײנער איז אויך כמעט אוממעגלאַך, חוצדעם, װאָלט אפשר געהאַט אַ זין צו בויען אַ שטײנערנע געבײַדע אויף דער יבשה, אָבער אויפֿן אײַז, װאו דער עסקימאָס װאוינט דאָס גרעסטע טײל פֿון יאָר, איז אַזאַ געבײַדע צו שװער. דעריבער באַנוצט ער זיך מיט דעם מאַטעריאַל, מיט װעלכן ער איז שטענדיק ארומגערינגלט: מיט אײַז און שנײ; ער האַקט אויס פֿון פֿאַרהאַרטעװעטן שנײ לאַנגע שטיקער, װי אַ מין ציגל, און לײגט דערפֿון צונויף אַ קײַלעכדיקע, נידעריקע שטיבעלע, אויסמאַקירנדיק צו שטעלן זי הינטער אַ בערגל, כדי צו באַשיצן זי פֿון שאַרפֿן װינט. פֿון אויבן לאָזט ער איבער אַ לאָך, דורך װעלכן דער רויך זאָל אַרויסגײַן. אַנשטאָט פֿענסטער שטעלט ער אַרײַן שטיקלאַך אײַז. װען די שנײענע ציגל װערן פֿאַרפֿרוירן, װערט פֿון זײ אַ דיקע און פֿעסטע װאַנט, װאָס לאָזט ניט דורך קײן קאַלטע לופֿט און אין איר איז גאַנץ װאַרים. דאָ באַהאַלט ער זיך פֿון ברענענדיקע פֿרעסט און שנײ-שטורימס, דאָ קאָכט ער זײַן געקעכטס און דאָ לאָזט ער איבער זײַן הויז-געזינד, בעת ער גײט אַרויס אויף יאַגד. דאָס שטיבל האָט אײן אײנציקן אַרײַנגאַנג; נאָר כדי די קעלט זאָל זיך אין איר ניט אַרײַנרײַסן, איז דער אַרײַנגאַנג ניט געמאַכט גלײַך אין דרויסן, נאָר פֿון אים ציט זיך אַ לאַנגער אונטערערדישער—אָדער בעסער געזאָגט—אונטערשנײאישער קאָרידאָר, װאָס האָט מאַנכעס מאָל עטלאַכע װענדונגען. דער דאָזיקער קאָרידאָרל איז אַזוי נידעריק, אַז דער עסקימאָס קאָן אים דורכגײַן נאָר קריכנדיק. דער קאָרידאָרל האָט נאָך אַ מעלה: דער עסקימאָס האַלט אין אים זײַן גאַנצע באַלעבאַטישקײַט.

אָן די װענט זײַנען אָנגעשפּאַרט האַרפּינס—אַ מין אײַזערנער גאָפּל, װאָס װערט באַנוצט צום פֿיש-כאַפּן, װאַרף-פֿײַלן,

שפּיזן צום חיות־יאַגד, פּיש־נעצן פון וואַלפיש־ביין און פון האקנס, אויף וועלכע ס׳זיינען אָנגעהאַנגען שטיקלאַך פּאַרפּראָרענע ים־הינט־פליייש. אַהער, אין זײַן שנײ־דורכגאַנג שלעפּט ער אויך אַרײַן זײַן קליין שליטל, אויף וועלכן ער פירט איבער זײַן גאַנץ ביסל פאַרמעגן, אײַנשפּאַנענדיק אין אים האָריקע, האָרעפּאַשנע און געזונטע צפון־הינט. די הינט אליין געפינען זיך אויך אין זעלביקן קאָרידאָרל.

אָן דער זײַט ליגן אָנגעגרייט פעל פון ים־הינט און גרויסע ביינער פון חיות. דאָס וועט אַלץ צוניץ קומען, ווען מ׳וועט דאַרפן מאַכן אַ קאַיאַק— אַן אַרט שיפעלע. דער סקעלעט פון קאַיאַק ווערט געמאַכט פון ביינער און ווערט באַצויגן מיט ים־הינט פעל, וואָס לאָזן ניט דורך קיין וואַסער. אויבן ווערט דער קאַיאַק אויך באַצויגן מיט אַ פעל, ווי מיט אַ בײַדל, און נאָר אין מיטן ווערט איבערגעלאָזן אַ לאָך. דער עסקימאָס קריכט אַרײַן מיט די פיס דורך דער דאָזיקער לאָך און בינט אַרום די ברעגן פון דער פעל אַרום גאַרטל. אין די הענט האָט ער אַ לאַנגן רודער, וואָס איז צעשפּאָלטן אין בײדע עקן. מיט דעם דאָזיקן רודער אַרבעט ער זייער געשיקט, און זײַן לײַכטע שיפעלע טראָגט זיך איבער די כוואַליעס מיט דער שנעלקײַט פון אַ פויגל. עס פּאָדערט זיך אָבער אַ גרויס בריהשאַפט מ׳זאָל זיך ניט איבערקערן צוזאַמען מיטן שיפל, וואָס דאַמאָלסט איז אַ צרה: אַ אָנגעפּעלצטער אַ צוגעבונדענער, וועט ער זיך אַזוי גיך ניט אַרויסקאַראַפּקען. אויף קאַיאַקן פאָרן נאָר מאַנסבילן אויף יאַגד. אויף איבערצופירן פרויען און קינדער, מאַכן די עסקימאָסן אַנדערע שיפלאַך: גרעסערע און זיכערע.

קליידער נייען זיך די עסקימאָסן פון פוכיקן, ווייכן פעלץ. פון וואַרימקײַט וועגן נייט ער אָפט צוזאַמען צוויי פעל: איינע מיט די האָר אַרויף, די צווייטע—מיט די האָר אַראָפּ. פון אַזעל־

כע האָריקע צווייענדיקע פעלן, מאַכט ער זיך הויזן, קורטקעס, היטלען, שטיוול און הענטשקעס. עסקימאָסישע פרויען טראָגן זייערע קליינע קינדער אין פעלענע זעקלאך אויף די רוקנס.

חיה-פעלצן און פעלן באַפוצן דאָס שניי-שטיבל פון דעם עסקימאָס; זיי דינען אים אויך אלס געלעגער און צודעק. צו באַלייכטן דאָס שטיבל דינט אים אַ שיסעלע, אויסגעהאַקט פון אַ שטיין, אין וועלכער עס ברענט שמאַלץ פון ים-הינט מיט אַ קנייטל פון מאָך. א צווייטע כלי מיט די זעלביקע פעטס דינט אַלס קאָך-אויוון. פון דער היץ, וואָס דער „אויוון" גיט אַרויס, ווערט אויפן סופיט פון דער הייזל אייז-הענגלאך, איבערן אויוועלע ווערט אויפגעהאנגען א קעסעלע, אין וועלכן ער קאָכט זיין געקעכטס. אזעלכע זאַכן, ווי בלעכענע קעסלען, נאָדלען און אייזערנע פאַנג-שפיזן קאָן דער עסקימאָס אַליין ניט מאַכן, מחמת ער האָט ניט דעם געהעריקן מאַטעריאַל. די וואלפיש-פאַנגער, וואָס קומען זעלטן אין זיין אומגאסטפריינדלאַכן לאַנד, בייטן עס אויס מיט אים פאַר רויכוואַרג און פישבוין.

אין הייסע קאַנטן דאַרף זיך דער מענטש אויך אַזוי צופאַסן צו דער נאטור, ווי אויפן קאַלטן צפון. כדי קלאָר צו מאכן זיך עס, לאָמיר זיך איבערטראָגן אין די געדאַנקען קיין יאפאָניע.

יאפאָניע ליגט אין מיטן ים אויף אינזלען, וואָס זיינען אין דער לענג און אין דער ברייט דורכגעשניטן מיט וואולקאַנען. אין יענע לענדער, וואו עס זיינען דאָ א סך וואולקאַנען, דאָס הייסט פייער-שפייענדיקע בערג, קומען אָפט פאָר ערד-ציטערנישן, וואָס מאכן אָן גרויסע חורבנות; עס דערהערן זיך פאַרטויבטע אונטערערדישע דונערן, עס גיט א ציטער די ערד, און אין עטלאַכע מינוט קאָנען חרוב ווערן עד לחרמה שטעט און דערפער, וואָס זיינען אויסגעוואָקסן אין פאַרלויף פון אַ סך יאָרן. בוימער ווערן אויסגעריסן מיט די וואָרצלען, בנינים פאַלן ווי קאָרטן-

שטיבלאַך, באַגראָבנדיק אונטער זייערע חורבות אַ סך מענטשן. אין דער צייט פון איין ערד־ציטערניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאַפּאָניע מיט עטלאכע יאָר צוריק, זיינען חרוב געוואָרן אַניערך פון הונדערט און דרייסיק טויזנט הייזער און נאָך מער זיינען באַשעדיקט געוואָרן. דערביי זיינען פיר מאָל הונדערט־טויזנט מענטשן געבליבן אָן אַ דאַך איבער זייערע קעפּ און איבער פערציק טויזנט זיינען געהרגעט און פאַרוואונדעט געוואָרן. זעלטן גייט פאַרביי אין יאַפּאָניע אַ טאָג, וואָס זאָל דאָ אָדער דאָרטן ניט פאָרקומען כאָטש אַ קליינע ערד־ציטערניש.

כדי צו פאַרהיטן זיך פון סכנה בעת די ערד־ציטערנישן, מוזן די יאַפּאָניער בויען זייערע הייזער זייער לייכטע. אַ גרינגער בנין קאָן גיכער אויסהאַלטן אַ שאָקלונג און ווען ער וועט אפילו אומפאַלן, וועט ער ניט אָנמאַכן אַזעלכע צרות און אומגליקן, ווי אַ שווערער. חוצדעם מוז מען האָבן אין זינען אָט וואָס: די נאָענטקייט פון ים ברענגט יאַפּאָניע אַ סך פייכטקייט. פון היץ און פייכטקייט קאָן זיך לייכט פאַרפירן אין די הייזער נאַסקייט, וואָס דאָס איז שעדלאַך פאַרן געזונט, דעריבער בויען די יאַפּאָניער זייערע הייזער אַזוי, אַז זיי זאָלן זיך לייכט און גוט אויסלופטערן. אַ יאַפּאָנישׂ הויז אין דאָרף און אין שטאָט, סיי ביי אָרימע, סיי ביי רייכע, בויט זיך כמעט אויף איין שטייגער. דער חילוק איז נאָר אין דעם, וואָס אין די שטעט ווערן זיי געבויט צוויי־שטאָקיקע און אין דאָרף — דאָס רוב איינשטאָקיקע. קיין פונדאַמענט האָבן זיי גאָר ניט. פון איין זייט, העכסטנס פון צוויי, ווערן געמאַכט דינינקע ווענטלאַך פון ברעטלאַך. די איבעריקע ווענט באַשטייען פון קעסטלדיקע ראַמען, וואָס זיינען פאַרצויגן מיט דורכזיכטיקן אָנגעוואַקסטן פּאַפּיר. די ראַמען זיינען אַריינגעשטעלט אין פּאַזן און רוקן זיך פונאַנדער ווי די טירלאַך פון אַניאַלמער אין אונזערע מאַגאַזינען. דאָס איז זייער באַקוועם: ווען

דאָס וועטער איז גוט, ווערן זיי גלייך אינדערפרי פונאַנדערגע־רוקט און די גאַנצע הויז לופטערט זיך אויס אונטער די שטראַלן פון דער זון — אויף דער נאַכט פאַררוקן זיי זיך צוריק און ווערן פון דרויסן פאַרמאַכט מיט לאָדן.

די אינעווייניקסטע ווענט, ווערן אויך געמאַכט אויף דעם זעלביקן אופן — פון ראַמען מיט דורכזיכטיקן פּאַפּיר, וואָס רוקן זיך איבער אין פּאַזן, צווישן דיל און סופיט. יעדע מינוט קאָן מען איבערצוימען די שטוב אויף וויפל חדרים איר ווילט אָדער, פאַרקערט, פונאַנדעררוקן די ווענטלאַך און מאַכן פון אַלע חדרים איין גרויסן חדר.

אַרום שטוב ציט זיך אַ שמאָלע גאַלעריייקע אויף סלופּעס. דער דאַך ווערט געמאַכט שטאַרק משופּעדיק, כדי אויף אים זאָל ניט פאַרהאַלטן קיין רעגן־וואַסער פון די אָפטע גוס־רעגנס. אין די שטעט ווערן די דעכער געדעקט מיט בלישטשענדיקע ווייסע אָדער גרויע ציגל־פּליטקעס, און אין דערפער — מייסטנטיילס מיט שטרוי. אויף די געזימשן פון די דעכער פלאַנצן זיי גרויסע העלע קוויטן, וואָס באַשיינען זייער די הייזער פון דרויסן. אַזוי ווי דאָס הויז האָט ניט קיין פונדאַמענט, קאָן מען דעם דיל ניט לייגן גלייך אויף דער ערד, מחמת עס וואָלט אָנגעצויגן פייכטקייט. לייגט מען אים אויף הויכע סלופּעס. אין הויז פירט אַ בריקל מיט צוויי־דריי טרעפּלאַך.

ווען די ווענטלאַך זיינען פונאַנדערגערוקט, זעט מען פון גאַס אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין הויז. קיין מעבל איז אין די צימערן כמעט ניטאָ, אויף די דילן זיינען פאַרשפּרייט געפלאָכטענע מאַטן — האַרטע, דיקע ראָגאָזשעס פון צראָאַט — און פלאַכע האַרטע קישנס, אויף וועלכע די יאַפּאָניער זיצן מיט די פיס אונטער זיך. כדי ניט איינצוטרעטן די מאַטן, גייט קיינער ניט אריין אין שטוב מיט די שיך אויף די פיס. זיי ווערן איבער־

געלאָזן בײַם שוועל. ניט אָפּהיטן דעם דאָזיקן מנהג, רעכנט זיך פֿאַר א גרויסן אומכּבוד.

בײַם שוועל פֿון אַ טעמפּל אָדער טעאַטער קאָן מען זען לאַנגע שורות שטרויענע שיך אָדער הילצערנע פּאָדאָשוועס, וואָס ווערן איבערגעלאָזן — ווי בײַ אונז קאַלאָשן — ביז דער עולם וועט צוריקגיין.

מעבל איז אין די יאַפּאַנישע הײַזער ווייניק, ניט מחמת זיי פֿאַרמאָגן ניט צו קויפֿן, נאָר ווייל ווייכע מעבל, קישנס און פּערענעס וואָלט געווען אומדערטרעגלאַך אין די גרויסע היצן. דער יאַפּאַניער דאַרף, ווי ווײַט מעגלאך אָפּהיטן זיך פֿון שווייס, וואָס טרעט דאָ אַזוי לײַכט ארויס, און וואָס רופֿט אַרויס אַלער־ליי געפֿערלאַכע אויסשיטונגען און לישאיען. ער טראָגט דעריבער ברייטע קליידער, וואָס קלעפּן זיך ניט צום גוף. סײַ מאַנסביל, סײַ פֿרויען טראָגן א מין כאלאט מיט ברייטע און קורצע אַרבל. צוליב דעם ווײַכט דער יאַפּאַניער אויס בעטן, פּאָטעלן און קאַנאַפּעס. שלאָפֿן שלאָפֿט ער אויפֿן דיל, פֿארשפּרייטנדיק איבערן מאַט אַ דינינקן מאַטראַץ. אונטערן קאָפּ לייגט ער אונטער אַ הילצערנעם וואַלכל: ווען ער וואָלט געשלאָפֿן אויף אַ קישן, וואָלט זי איבער נאַכט נאָס געוואָרן מיט שווייס, ווי אַ שוואָם. בײַטאָג ווערט דאָס בעטגעוואַנט צוזאַמענגעוויקלט און אַרײַנגעלייגט אין א קעסטל.

אַזוי ווי די יאַפּאַניער זיצן אויף דער ערד, געברויכן זיי אַנשטאָט טישן, — קלײנינקע לאַקירטע בענקלאַך. קיין אויוונס אָדער פּליטן זײַנען אין יאפּאָניע ניטאָ, זיי ווערן פֿאַרביטן מיט אַ טעפּל, וואָס איז אָנגעשאָטן מיט זאַמד און אַש, אין וועלכן מ'לייגט פֿונאַנדער פֿײַער. איבער דעם איז אין סופֿיט אַרײַנגעשלאָגן אַ האַקן, אויף וועלכן מ'הענגט אויף דעם קעסעלע מיט געקעכטס. ניט אין יעדער יאַפּאַנישער הויז איז פֿאַראַן א קוימען,

און ווען די ווענט זײַנען צוזאַמענגערוקט, ווערט מען דערשטיקט פון רויך; אין אײניקע הײַזער זײַנען נאָך פאַראַן קלײנינקע איבערטראָגנדיקע פּליטעס צום קאָכן טײ.

נאָר כאָטש קײן מעבל איז בײַ זײ ניטאָ, באַמיען זיך פונדעסטוועגן די יאַפּאַניער צו פאַרציִרן זײערע דירות. אויף די ווענט ווערן אויסגעהאַנגען לאַנגע פּאַסן פּאַפּיר, אָדער שטאָף, אויף וועלכע עס זײַנען אויסגעמאָלט העלע קווײטן און פײגעלאַך, אָדער עס זײַנען אויפגעשריבן פּסוקים פון תּפילות, אין פאַרפאָרענע וואַזן ווערן אָפט געביטן פרישע בלומען, און מען דאַרף וויסן, אַז די בלומען אין יאַפּאַניע צײכענען זיך אויס מיט אַ באַזונדער פאַרביקײט, אַזוי, אַז דאָס אַלײן איז די שענסטע באַפּוצונג. פון סופית הענגען אַראָפּ אַלערלײ מאָדנע לאַמטערנעס, וואָס זײַנען געמאַכט פון דעם זעלביקן דורכגעשמאָלצענעם פּאַפּיר, פון וועלכן זײ קליגן זיך צו מאַכן פאַר זיך רעגנמאַנטלען, שירימס און פאָכערס. בײַ רײַכע מענטשן קאָן מען נאָך זען פּאַראַוואַנען — אָנגעצויגענע אויף ראַמען שטיקער זײַד מיט זעלטענע פײַנע האַפטונג אויף זײ. וואָס רײַכער די הויז, אַלץ מער געפעס איז אין איר פאַראַן: פּיטשינקע פאַרפאָרענע טאַסעלאַך, טעלערלאַך, שיסעלאַך, אין וועלכע מ'דערלאַנגט עסן אויף קלײנע לאַקירטע טאַצן, יעדערן באַזונדער. זײַדענע שטאָפן, פּרעכטיקע כאַלאַטן, ברײטע קאָלירטע גאַרטלען און אַנדערע מלבושים ליגן אין פלאַכע קאַסטנס, וואָס פאַרבײַטן אין די הײַזער אַלמערס און קאָמאָדן.

## IX.

פון די סאַמע אַלטע צײַטן האָבן מענטשן געלײגט אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקײט אויף די בתּי תּפילות און האָבן זײ

געבויט מיט מער פראכט און גלאַנץ ווי די אייגענע הייזער.

דער ווילדער מענטש אפילו, וואָס האָט אליין געוואוינט אין אַ ווי ס'איז צונויפגעשטעלטן געצעלט, האָט שוין צוזאַמענגעלייגט א מזבח פאר זיינע אָפּגעטער און אויסגעהאַקט די אָפּגעטער גופא פון שטיין.

ווען דער מענטש האָט זיך אויסגעלערנט די בוי-קונסט, האָט ער געמאַכט איבערן מזבח אַ שוץ-דאך און מיט דער צייט — ווענט און אַן אמתן דאַך. און אָט אַזוי איז ביסלאַכווייז געוואָרן אַ טעמפּל, וואָס איז געווען רייכער, גרעסער און שענער פון אַלע אנדערע בנינים. פאַרבערייַ, מאָלערייַ, פלאַסטערונג, באַגילטונג — אַלץ, וואָס דער מענטש האָט זיך אויסגעלערנט צו טאָן, איז אויסגענוצט געוואָרן צום באַפּוצן דעם טעמפּל. די אַנטוויקלונג האָט זיך אויך אָפּגערופן אויף די אָפּגעטער, וואָס זיינען געשטעלט געוואָרן אין די טעמפּלען און אויף דער פרייער לופט. די ניט אָרומגעהאַקטע, עקלהאַפטע קלעצער האָבן ביסלאַכווייז באַקומען אַ מענטשלאַך געשטאַלט. אין אייניקע לענדער, ווי למשל, אין גריכנלאַנד און אין דער רוימישער אימפּעריע האָבן זיך די סטאַטוען-געטער, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, אויסגעצייכנט מיט אזא זעלטענער פּרעכטיקער אַרבעט, אַז די איבערבלייבאַכצן פון זיי, וואָס זיינען שפּעטער געפונען געוואָרן ביי פאַרשיידענע אויסגראָבונגען, האָבן געדינט אלס מוסטער פון דער העכסטער קונסט. די גריכישע און רוימישע טעמפּלען מיט זייערע האַרמאָנישע שטריכן און פּרעכטיקע זיילן זיינען אויך געווען אויסערגעוויינלאַך שיין.

איצט זיינען אויך פאַראַן אַ סך געצנדינערישע פעלקער, וואָס מאַכן זיך פּסלים און אָפּגעטער. מיר ווייסן שוין, אַז וואָס העכער עס זיינען די בערג און רייכער די נאַטור פון דער לאַנד — אַלץ גרויסאַרטיקער זיינען אין איר די בנינים. די טעמפּ-

לען בויט ער, זיי זאָלן ענלאַך זיין צו בערג מיט שאַרפע אָדער קיילעכדיקע שפיצן. אָפּגעטער מאַכט ער מוראדיק גרויסע, אין דעם געשטאַלט פון מענטשן אָדער חיות.

ביי די ווילדע פון צפון-אַמעריקע באַגעגענען זיך גוואַלדיקע הויכע, פיל-פאַרביקע סלופּעס, וואָס שטעלן פאָר אָפּגעטער, זיצנדיק איינער ביים צווייטן אויף די אַקסלען. דער אונטערשטער אָפּגאָט איז דער סאַמע גרעסטער, די אויבערשטע — אַלץ קלענער און קלענער, אַזוי אַז דער סלופּ גייט וואָס ווייטער אַלץ שמעלער.

אין אינדיען, אין יאַפּאָניע, אין די כינאַ-לענדער, וואו ס'האָט זיך אַנטוויקלט די בודיסטישע אמונה, געפינען זיך גיגאַנטישע סטאַטועס פון דעם ערשטן לערער פון דעם דאָזיקן גלויבן — בודדאַ.

אויף די שפּיצן בערג באַגעגענען זיך אָפט גריבער, וואָס זיינען ענלאַך אין זייער פאָרמע צו אַ צייכן פון אַ מענטשלאַכער פוס, אָבער אַ סך מאָל גרעסער. די בודיסטן האַלטן עס פאַר די צייכנס פון בודדאַס פוס און, צופּאַסנדיק זיך צו דער מאָס, מאַכן זיי שוין די גאַנצע סטאַטוע ווערליק נאָך דער גרויס פון פוס.

דער אויסזען פון טעמפּל און זיין אינעווייניקסטע פאַרפוצונג איז אָפּהייניק פון דעם, וואָס פאַר אַ פאָלק עס האָט אים געבויט, און וואָס פאַר אַ גלויבן עס האָט אים געווידמעט. לאָמיר באַטראַכטן, למשל, דעם געצנדינערישן טעמפּל פון דער אַלטער יאַפּאָנישער אמונה שינטאָ.

די נאָכפאָלגער פון דעם דאָזיקן גלויבן, אָדער די שינטאָ-איסטן בוקן זיך צו די כחות פון דער נאַטור. זיי האָבן געטער און געטינס פון דונער, רעגן, ווינט און אַזוי ווייטער. דעם ערשטן אָרט פאַרנעמט די געטין פון זון, וועלכער עס זיינען הויפּטזעכלאַך געווידמעט די טעמפּלען. דער שינטאָ-טעמפּל ווערט געווייגלאַך געבויט ווייט פון הייזער, ערגעץ אין אַ אָפּגעזונדערטן אָרט

אויף א בערגל אָדער אין א פּאַרק פון הויכע אייביק-גרינע בוימער. פאַרן טעמפּל איז פאַרפלאַנצט אַ פּרעכטיקער בלומען-גאָרטן, אַרומ-געצאַמט מיט ארומגעשוירענע טיי-בוימלאַך. דער טעמפּל האָט גרויסע טויערן מיט אַן עטוואָס אויסגעבויגענע בעלקע פון אויבן. די דאָזיקע בעלקע האָט פאַרצייטן געדינט אַלס אַ זיץ-אָרט פאַר פויגלען — דאָס רוב הינער און הענער, וואָס זיינען געווידמעט געוואָרן די געטער; ביי די טעמפּלען האַלט מען נאָך איצט אויך פאַרשיידענע הייליקע באַשעפענישן — טויבן, הירשן, ווייסע פערד. זיי האָדעווען זיך אויף דעם חשבון פון די גלויביקע, וואָס האַלטן פאַר זייער חוב צו ברענגען זיי שפּייז. אינעווייניק צייכענען זיך די טעמפּלען אויס מיט זייער איינפאַכקייט. קיין אָפּגעטער זיינען דאָרטן ניטאָ. פון שענקייט וועגן, ווערן אויף די ווענט אָפטמאָל אויסגעמאָלט בלומען און פויגלען. די הויפּט-זאַך אין שינטאָ-טעמפּל איז אַ גרויסער שפּיגל, וואָס רעכנט זיך פאַר אַ צייכן פון דער זון-געטין. די ווענט און די זיילן זיינען באַהאַנגען מיט ווייסע פּאַפּירענע קווייטן. זיי פאַרבייטן די געוועבן, וואָס מ׳פלעגט אַמאָל ברענגען אַלס קרבן צו די געטער.

וואָס מער פייערלאַכע צערעמאָניעס און מנהגים אַן אמונה האָט, אַלץ גרויסאַרטיקער זיינען אירע טעמפּלען. פון ניט קריסט-לאַכע טעמפּלען צייכענען זיך אויס מיט דער גרעסטער שענקייט און מאַיעסטעטישקייט — די בודיסטישע טעמפּלען. איינער פון די פּראַכטפולסטע בודיסטישע טעמפּלען געפינט זיך אין דער אינ-דיאַנישער שטאָט ראַנגון.

ער שטייט אויף אַ הויכן באַרג, וואָס איז דערהויבן איבערן גאַנצן אומגעגנט. צום טעמפּל פירן טרעפּ מיט געדעקטע קאָרי-דאָרן, אויף די ווענט פון וועלכע ס׳זיינען אויסגעמאָלט בילדער פון בודדאַס און זיינע תּלמידימס לעבן, ווי אויך די שרעקלאַכע יסורים, וואָס עס דערוואַרט רשעים אין גיהנם. דער טעמפּל גופא

איז אַ אַכט-קאַנטיקער; ער האַלט מער ווי פופציק קלאַפּטער די הויך, איז געבויט פון ציגל און איז פון דרויסן אינגאַנצן באַדעקט מיט גאָלד. אויף זיין שפּיץ איז באַפעסטיקט אַ שטאַק פון אויבן מיט אַ שירים פון אייזערנע באַגילטע רונגען. צו זיי זיינען צוגעבונדן מיט שאַך-שטיינער באַשאָטענע גאָלדענע און זילבערנע גלעקלאַך, וואָס קלינגען ביי דער לייכטסטער באַוועגונג פון ווינט. אין די פיר ווינקלען פון טעמפּל שטייען פיר קאַפּליצעס מיט פיר פיגורן פון דעם זיצנדיקן בודדאַ אינעווייניק. הונדערטער קליינינקע סטאַטועטקעס אין פאַרשיידענע געשטאַלטן און לאַגעס רינגלען אַרום די הויפּט-סטאַטוע. די באַצירונגען איבעראַשן מיט זייער רייכקייט. איבערהויפּט זיינען מערקווירדיק די גלעקער-זאַמלונג פון יעדער גרויס — פון סאַמע קלייניקע ביז דעם גרעסטן גלאָק, וואָס וועגט דריטהאַלבן טויזנט פוד. על פי מסורה, געפינען זיך אין ראַגונער טעמפּל אַכט האָר פון בודדאַ, און דעריבער איז ער גאָר באַזונדער הייליק. מחנות מענטשן קומען זיך אהין צונויף צו בוקן זיך צו די אַכט האָר. דער טעמפּל ווערט געהאַלטן אין אָרדענונג, און אפילו די אויסערלאַכע באַגילטונג ווערט אָפט באַנייט.

חוצדעם, קלייבן זיך די בודיסטן אַליין אַרויף וואָס העכער אויף די ווענט און שלאָגן דאָרט צו גאָלדענע בלעכן.

אויף די טרעפּלאַך פון טעמפּל זיצן בעטלער, קאַליקעס, מצורעים און נזירים אין ווייסע קליידער און בעטן נדבות.

אַרום טעמפּל זיצן הענדלער, וואָס פאַרקויפן קאָלירטע ליכטלאַך, כינעזישע בשמים, גאָל-בלעכלאַך און קליינע פאָנדלאַך, אויף וועלכע עס זיינען אָנגעשריבן תפילות, דאָ אויף די טישלאַך קאָנט איר אויך קויפן בלומען און פאַרשיידענע קרבנות-געבעק. דער פּלאַץ לעם טעמפּל איז קיינמאָל ניט ליידיק. שפּעט נאָך האַלבע נאַכט קאָנט איר נאָך הערן, ווי אַ פרומער בודיסט זינגט זיינע ציענדיקע

תפילות.

אפילו אין וואָכנדיקע טעג, און איבערהויפּט יום-טוב, איז דער פּלאַץ פאַרן טעמפּל פול מיט אַ גרויסן עולם מאַנסביל און פרויען אין קאָלירטע מלבושים, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר איינע פון די לעבעדיקסטע און שענסטע בילדער אויף דער וועלט.

די טעמפּלען פון אינדיען צייכענען זיך בכלל אויס מיט זייער מערקווירדיקער שענקייט. דאָס רוב ווערן זיי געבויט אויפן ברעג פון אַ טייך אָדער אָזיערע. די שטריכן פון די פעסטע ווענט מיט די ענדלאָזע נישעס, אין וועלכע עס שטייען סטאַטועס פון הייליקע, שפּיגלען זיך אָפּ אין זייער קריסטאַל-קלאָרע וואַסערן און די שטאָלצע פּאַלמען שאָקלען צו מיט זייערע קעפּ דער וואַרימער זון.

די בודיסטישע טעמפּלען פון אַלע לענדער זיינען פון אינעווייניק באַפּוצט אַזוי רייך, ווי פון דרויסן. אומעטום זעט איר באַגילטונג, שניצאַרבעט, מאַלערײַ, זײַדענע און גאָלד-געוועבטע שטאָפן, קאָלירטע לאַמטערנעס, קאָלאָסאַלע אָפּגעטער. פאַר די אָפּגעטער רויכערן זיך בשמים און עס ברענען שמעקנדיקע ליכט. די גאָטעס-דינסטן, איבערהויפּט אין יום-טוב טעג, ווערן אָנגעפירט מיט פאַרשיידענע צערעמאָניעס און לויב-געזאַנגען, אָנגעפירט ווערן זיי פון כהנים אָדער באָנזעס, אין גאָלד-געשטריקטע בגדי-כהונה.

די טעמפּלען, וואָס זײַנען געווידמעט דעם איינציקן גאָט, זײַנען אויך בּיסלאכוויַיז פאַרפײַנערט געוואָרן, אָפּהייניק פון דער פײַערלאַכקייט, מיט וועלכער די גאָטעס דינסט איז אין זיי אָנגעפירט געוואָרן.

דאָס ערשטע פאָלק, וואָס האָט אַנערקענט דעם איינציקן גאָט זײַנען געווען — אידן.

נאָכדעם ווי משה האָט זיי אַרויסגעפירט פון מצרים, האָבן זיי פערציק יאָר געוואַנדערט אין דער מדבר. געוואוינט האָבן זיי

אין געצעלטן אָדער סוכּות, וואָס זײַנען איבערגעפירט געוואָרן אויף קעמלען. אין חומש איז מיט אַלע איינצלהייטן באַשריבן דער משכּן, וואָס איז אייגנטלאַך אויך געווען א געצעלט, נאָר א אַ סך אַ גרעסערער און שענערער, ווי א געוויינלאכע ביידל אָדער סוכּה, און האָט געדינט די אידן אַלס אַ באַוועגלאַכער טעמפּל.

דעם משכּן האָט מען געקאָנט צוזאַמענלייגן און אויפשטעלן יעדעס מאָל, ווען מען האָט זיך געדארפט באַוועגן אין דער מדבר. דער משכּן איז באַשטאַנען פון דריי טיילן: אַ חצר, אַ קדשים און א קדשי-קדשים, וואוהין עס האָט געקאָנט אַריינגיין בלויז דער כּהן גדול, אַ דאָס נאָר איין מאָל אין יאָר — יום-כּפּור צו דער עבודה. דער קדשי-קדשים האָט זיך אָפּגעטיילט פון דעם איבעריקן טעמפּל מיט אַ העל-רויטן פּרוכת. דער משכּן איז געווען אַ פיר-קאַנטיקער מיט אַ פלאַכן דאַך. אין די ווינקלען זײַנען געווען אַכט זיילן מיט געשניצטע קרוינדלאַך. אונטער די געזשימשן זײַנען פאַרפעסטיקט געווען פּאַסן ווײַסע לײַוונט, אויף וועלכע עס זײַנען מיט שוואַרצע אותיות געווען אויסגעהעפט הייליקע פּסוקים. אין דער צײַט פון דער עבודה איז דער פאָדערשטער טייל פון משכּן אָפּגעוואָרפן געוואָרן אין דער הויך און פאַרפעסטיקט געוואָרן צו צוויי הויכע זײַלן, כּדי דאָס גאַנצע פאָלק וואָס האָט ניט געקאָנט אַרײַנגײַן אינעווייניק, זאָל קאָנען פון הויף נאָכפאָלגן דעם גאָטעס-דינסט.

ווען די אידן זײַנען אַרײַן פון דער מדבר קײַן ארץ-ישראל, איז אין ירושלים אויסגעבויט געוואָרן אַ שטענדיקער בית-המקדש. דער ערשטער בית-המקדש, וואָס איז געבויט געוואָרן פון שלמה המלך, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן אומפאַרגלייכלאכער רײַכקייט און פּראַכט. ער איז אין גאַנצן געבויט געווען פון טייערע שטיינער און צעדער-בוימער, באַפּוצט מיט גאָלד און שניצאַכצן און אַרומגערינגלט מיט אַ ברייטע, גאַלעריע, וואָס האָט זיך גע-

האלטן אויף צוויי שורות קופערנע זיילן. פון דריי זייטן זיינען צו אים געווען צוגעבויט בנינים, אין וועלכן עס זיינען געלעגן די גאָלד, זילבער, שאַץ-שטיינער און די איבעריקע קרבנות און מתנות, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן.

די מחמדאַנישע טעמפּלען אָדער מעטשעטן, צייכענען זיך אויס מיט זייער אייגנאַרטיקייט. דער מעטשעט איז געוויינלאַך א פיר-קאַנטיקע געביידע מיט אַ בלייענעם דאַך און מיט איין אָדער עטלאַכע קאַפּעלן. צום מעטשעט ווערט געוויינלאַך צוגעבויט אַ מינאַרעט: אַ שמאָלער, הויכער טורימל מיט אַ שפּיציקן דאַך און מיט אַ האַלבער לבנה פון אויבן.

דער מינאַרעט איז סאַמע פון אויבן אַרומגערינגלט מיט א באַלקאָנדל, אויף וועלכן דער מחמדאַנישער שמש, אָדער מועזלין שטעלט זיך פינף מאָל א טאָג מיטן פּנים צום מזרח און רופט גאָטס-פאָרכטיקע מחמדאַנער צו תּפילה. אַנ׳אַנדער מאָל זיינען אַרום מעטשעט פאַראַן עטלאַכע מינאַרעטן, אין גרויסע יום-טובים ווערן די מינאַרעטן באַלויכטן מיט לאָמפּן. פון דאנען שטאַמט טאַקע דער נאָמען: מינאַרעט מיינט — „דער לייכט-טורים”.

אינעווייניק איז דער מעטשעט אויסגעקאַלכט אָדער אויס-געפאַרבט ווייס, טיילמאָל זיינען אויף די ווענט אָנגעשריבן פּסוקים פון קאָראַן.

קיין שום פּסלים און בילדער זיינען דאָרטן ניטאָ, ווייל דער מחמדאַנישער גלויבן האַלט דערפון ניט. די דיל איז באַדעקט מיט מאַטן אָדער טעפּיכער, אויף וועלכע מען זיצט בשעתן דאַוונען. אַריינגייענדיק אין מעטשעט לאָזט מען איבער די שיך ביים שוועל. אין מעטשעט גופא זיינען ניטאָ ניט קיין טישן, ניט קיין בענק, ניט קיין שטולן. דאָס איינציקע וואָס דאָרטן איז פאַראַן איז אַ רייך פאַרפּוצטער אָרון-קודש, אין וועלכן עס ליגט דער הייליקער קאָ-ראַן, און אן עמוד ביי וועלכן דער חזן אָדער אימאַם זאָגט די תּפילה.

דער מחמדאַנישער גלויבן איז פריער ווי אומעטום אנט־שטאַנען צווישן די אַראַבער.

וועלנדיק בויען טעמפּלען, וואָס זאָלן דערהויבן די נייע אמונה, נאָר ניט זייענדיק פּאָרבערייט דערצו, — האָבן זיי זיך גענומען צוקוקן צו די קריסטלאַכע קלויסטערס און נאָכמאַכן זיי. איינציקע מחמדאַנישע זיגער, האָבן אין באַזיגטע לענדער געמאַכט פון קירכן — מעטשעטן. אַזוי למשל, האָבן די טערקן בעת זיי האָבן אָפּגענומען קאָנסטאַנטינאָפּאָל, איינע פון די רייכסטע פּראַ־וואָסלאַווגע קירכן — דעם סאָבאָר „די הייליקע סאָפיע״ — פאַר־וואַנדלט אין אַ מעטשעט.

נאָכן מחמדאַנישן דין טאָר אין מעטשעט קיין שום באַפּוּ־צונג ניט זיין, דערפאַר האָבן זיי אוועקגעגעבן די גאַנצע אויפ־מערקזאַמקייט דער אויסערלאַכער באַפּוצונג. אין רייכע מחמדאַני־שע שטעט זיינען אויסגעבויט געוואָרן גרויסאַרטיקע מעטשעטן, מיט הארמאָנישע שטריכן, לייכטע זיילן און פּרעכטיק־אויסגעבוי־גענע אַרקן, אַרום וועלכע עס האָבן זיך געוויקלט העל־געמאָלטע און געדיכט־באַגילטע טעפּיך־מוסטערן און קינסטלאַכע שניצערייַ.

די פּראַכט פון איציקע קירכן איז אַלעמען באַוואוסט. אָט די אַלע בנינים האָבן זיך, ווי אַלע אַנדערע, אַנטוויקלט ביסלאַכווייז.

ווען קריסטוסעס לערע האָט, נאָך אַ סך רדיפות, געקאָנט געפּריידיקט ווערן עפנטלאַך, האָט מען אָנגעהויבן בויען זאַמל־הייזער, וואוהין מ׳האָט זיך אויפגעקליבן אויף אַלגעמיינע תּפילות. אַלס מוסטער פאַר דעם ערשטן פון די דאָזיקע בנינים האָט גע־דינט די באַזיליקאַ, — דאָס רוימישע געריכט־הויז. די באַזיליקאַ האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסער לאַנגער זאַל, פאַרקלענערט צום סוף. אין דעם דאָזיקן האַלב־קרייז איז געווען אַן עסטראַדע, אויף וועלכער עס זיינען געזעסן די ריכטער. די זיילן, וואָס זיינען

געשטאַנען שורותוויַז, האָט איַינגעטיַילט די באַזעליקאַ אויף דריַי אָדער פינף טיַילן. אין די פארציַיטיקע קריסטלאכע טעמפּלען האָט זיך אין דער דאָזיקער פּאַרקיַילעכונג געפונען דער מזבח. ער איז געווען אָפּגעטיַילט פון דער איבעריקער געביַידע מיט זיַילן און דער מיטלסטער דורכגאנג איז פארהאנגען געווען מיט טעפּיכער אָדער מיט גאָלד-געוועבטע שטאָפן. אויף דעם דאָזיקן אָרט האָט מען מיט דער ציַיט גענומען איַינאָרדנען די הייליקע טויערן, אין מיטן אַלטאר איז געשטאנען דער הייליקער טיש, אָדער „גאָטס-טיש" און אונטער אים אין קעלער — די הייליקע ביינער פון אַ הייליקן. הינטערן טיש איז געשטאַנען אַ טראָן פארן ביסקופּ און אַ האַלב-קיַילעכדיקע ציַיל שטולן פאַר די גלחים. אויבן איז געווען אַ גאַלעריַיע פאר דעם כאָר. מאנסביל און פרויען זיַינען געשטאַנען באזונדער. אין איַיניקע קירכן איז אַרום און אַרום געגאַנגען אַ גאַלעריַיע. אין אַזעלכע קירכן זיַינען די פרויען געשטאַנען אויבן אויפן באַלקאָן, און די מאַנסביל — אונטן.

מיט דער ציַיט איז מען געקומען צום געדאַנק, אַז אין טעמפּל דארף אַלץ זיַין איַינגעאָרדנט אַזוי אַז דעם מענטשנס געדאַנקען זאָלן זיך דערהויבן צום הימל און דעריבער דארף אַלץ מאַכן אַ טיפן און פרעכטיקן איַינדרוק. מ'האָט אָנגעהויבן בויען אַלץ גרעסערע און העכערע קלויסטערס. עס האָבן זיך באַוויזן אַרקן, קופּאָלן, גלעקער-טורעמס, פון וועלכע אַ מוזיקאַלישער גלאָקן-קלאַנג רופט צום גאָטעס דינסט.

די שטרעבונג צו פראַכט, צו מאַיעסטעטישקיַיט האָט זיך ביַי פארשיַידענע פעלקער אויסגעדריקט פארשיַידן; אין איין עפּאָכע האָט זיך עס אויסגעדריקט אין גרויסע, קיַילעכדיקע, דיקע פּאַרמען. אין אַ צווייטער — אין הויכע, שמאָלע, שאַרף-שפּיציקע ליניען. אַ סך פעלקער האָבן אויסגעבויט זעלטענע, מערקווירדיקע קלויסטערס.

אין איצטיקער ציַיט ווערט צום קירכן-בוי אויסגענוצט די

העכסטע בוי-קונסט, עס ווערן דערצו באַנוצט די טײַערסטע בוי-מאַטעריאַלן — מראַמאָר און גראַניט. אינעווייניק ווערן געמאַכט טײַערע זײַלן פון גרינעם מאַלאכיט, פון הימל-בלויען לאזור-שטיין, פון קאָלירטן מראַמאָר, פון פּאָרפיר און נאַשמא-שטיינער. עס ווערן געמאַכט אַלערליי מאָזאאיקאַ-בילדער — פון קלייניקע קאָלירטע שטיקלאַך, וואָס ווערן אַזוי קונציק צוזאמענגעשטעלט, אז עס זעט אויס פון ווײַטן, ווי געמאָלט. די ווענט ווערן געמאָלט פון די גרעסטע קינסטלער, באַפּוצט מיט פלאַסטער-אַרבעט און שניצאַכטס, אין די פענסטער ווערן אַרײַנגעשטעלט באַגילטע ראַמען און קאָלירטע שויבן. אונטער די הויכע סופיטן הערט זיך דער געזאַנג פון כאָרן, און אין קאַטוילישע און ליוטעראַנישע קירכן — די קלאַנגען פון אָרגאַנען. אין דער צײַט פון גאָטעס-דינסט ווערן אָנגעצונדן טויזנטער פײַערלאַך פון ליכט און לעמפּלאַך און דער קלויסטער ווערט פול מיט זײַלן רויך פון שמעקנדיקע בשמים. די הייליקע בילדער זײַנען אָנגעטאָן אין גאָלדענע קליידער, באַשאָטן מיט איידל-שטיינער.

## X.

קברים און בית-עולמס מאַכט דער מענטש אויך וועדליק נאָך זײַן אמונה. מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, אַז די ערשטע שטיינערנע בנינים זײַנען געווען מאָנומענטן, אָדער פשוט, מצבות אויף קברים. מיר האָבן שוין אויך דערציילט, אַז די פאַרצײַטיקע עגיפּטיאַנישע מלכים פלעגן אויך בויען פּיראַמידן, אין וועלכע מ'האָט זיי מקבר געווען. יענע פעלקער וואָס האָבן מקבר געווען זייערע מתים גלײַך אין דער ערד, פלעגן אָנשיטן אויפן קבר אַ בערגל, כדי צו באַצייכענען דעם אָרט פון קבורה. די בערגלאַך זײַנען ענלאַך געווען איינער צום צווייטן און, כדי מ'זאָל ניט צעמישן, וואו ווער עס ליגט באַגראָבן, האָט מען געמאַכט אַ סימן:

אַרײַנגעשטעקט אין קבר אַ פלעקל מיט געוויסע אויסשניטן, אָדער אַוועקגעלייגט אַ שטיין פון אַ געוויסער פאָרמע. מיט דער צײַט האָט מען דאָס פלעקל פאַרביטן מיט אַ מער דויערהאַפטן אָנדענק-שטיין אָדער מאָנומענט, אויף וועלכן מ׳האָט אויסגעהאקט דעם פאַרשטאָרבענעמס נאָמען, די דאַטעס פון זײַן געבורט און זײַן טויט. גאַנץ אָפט האָט מען נאָך אויף אים אויסגעהאַקט פסוקים פון הייליקע ספרים. אויף מחמדאַנישע בית-עולמס קאָן מען נאָך דער מצבה נאָך דערקענען צי איז דאָ באַגראָבן א זכר אָדער אַ נקבה. די מצבות באַשטייען פון אַ זײַלכל מיט א ברעטל פון אויבן. אויף דער מצבה פון אַ מאַנסביל איז אויפן שפּיץ זײַלכל אויסגעטאָקט אַ טשאַלמע.

קריסטלאַכע בית-עולמס קאָן מען דערקענען נאָך די צלמים אויף די קברים. פאַראַן צווישן די מצבות אויך געמויערטע, גראַניטענע, מראמאָרנע, אָפט זייער שיינע און קינסטלאַכע. אייניקע פאַמיליעס האָבן זייער אייגענעם פאַמיליען-קבר — א באַזונדער מין קעלער, וואָס איז אינעווייניק אויסגעלייגט מיט ציגל אָדער אויסגעצעמענטעוועט. אַהין שטעלט מען אַרײַן דעם אָרון מיטן מת און מ׳פאַרמויערט דעם אַרײַנגאַנג ביז דער צווייטער קבורה.

ניט אַלע פעלקער זײַנען מקבר זייערע מתים אין דער ערד.

אייניקע פון זיי, הייסט זייער אמונה פאַרברענען זייערע מתים; איז אויב דאָס איז אַ פראָסטער מענטש, לייגט מען פשוט צונויף א פײַער פון דיקע קלעצער אויף וועלכן מ׳לייגט אַרויף דעם מת. דער פײַער דאַרף ברענען ביז דער טויטער קערפּער וועט ניט פאַרברענט ווערן אויף אַש. אויב אָבער מ׳דאַרף פאַרברענען אַ באַרימטן מענטשן, בויט מען צוליב דעם אויף אַ באַזונדער הויכע און רײַך-פאַרפּוצטע געבײַדע. אין אינדיען, למשל, פאַרברענט מען מיט אַ באַזונדער כבוד די קערפּערס פון באַרימטע בודדיסטישע נזירים. אָנשטאָט אַ געוויינלאַכן שײַטער-הויפן בויט

מען אויס אַ גרויסן הילצערנעם בנין מיט זיבן דעכער און מיט אַ הויכן טורים אין מיטן. גאַנצע מחנות עולי רגל קומען זיך צונויף פון ווייט און נאָענט אָפּצוגעבן כבוד און שענקען נדבות אויף צו בויען דעם קבורה-בנין. דער מת ווערט איבערגעטראָגן אין דער געביידע און ווערט אוועקגעשטעלט אויף אַ בימה, אונטער וועלכער עס זיינען אונטערגעלייגט האָלץ, שמעקעדיקער פעך און אַנדערע ברען-מאַטעריאַלן. נאָך אַ לאַנגער צערעמאָניע אין דער געגנוואַרט פון אַ טויזנט-קעפּיקן עולם, ווערט די האָלץ אונטערגעצונדן און געדיכטע זיילן רויך און פלאַמען כאַפּן אין גיכן אַרום די גאַנצע געביידע.

גאָר אַ באַזונדער מין בית-עולמס באַגעגענען מיר ביי די פּאַרסן — איינס פון די פעלקער, וואָס וואוינען אין אינדיען. די פּאַרסן זיינען געקומען קיין אינדיען פון דער שכנותדיקער פּערסיען, פון וואַנען זיי האָבן מיט זיך געבראַכט זייער אַלטע אמונה, אָן וועלכער זיי האַלטן זיך ביז היינטיקן טאָג. זיי גלויבן אין דעם באַרמהערציקן גאָט ארמוזדא, וואָס פירט אַן אייביקע מלחמה מיט דעם גאָט פון שלעכטס — אַרימאַן. דער סימבאָל פון אַרמוזדא איז ביי זיי פייער. די פּאַרסן האַלטן דעריבער פאַר אַ כלל ניט צו פאַרשווענכן קיין זאַך, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן דורך דעם גאָט אַרמוזדא. מתים רעכענען זיי פאַר די סאַמע אומריינע זאַך, און דעריבער געפינען זיי ניט פאַר מעגלאַך צו באַגראָבן זיי אין דער ערד, ווייל דאָס וועט פאַראומרייניקן די ערד, ניט צו וואַרפן זיי אין טייך, ווייל דאָס וועט פאַראומרייניקן דעם טייך, ניט צו פאַר-ברענען זיי אין פייער, מחמת דאָס וועט פאַרשווענכן דאָס פייער, פרעגט זיך: וואוהין-זשע זאָל מען זיי אַהינטאָן? — דערויף בויען זיי, אַזוי גערופענע „שווייג-טורימס" אָדער טורימס פון טויט. דאָס איז אַ קיילעכדיקער שטיינערנער בנין אָן אַ דאַך, פון וואַסערע פיר-פינף קלאַפטער די הויך. אינעווייניק, אַן ערד אויף די הויך

פון אַ האַלבע וואַנט, איז געמאַכט געוואָרן אַ פּלאַטפאָרמע, וואָס איז אויסגעפּלאַסטערט מיט גרויסע שטיין-פּליטן. אויף דער דאָזי-קער פּלאַטפאָרמע זיינען אויסגעאַרבעט דריי ציילן פּאַרטיפונגען, ווי מולטערס: דער ערשטער צייל — גרויסע פאַר מאַנסבילן, דער צווייטער צייל — קלענערע פאַר פרויען און דער דריטער צייל — גאָר קליינע פאַר קינדער. די מתים-טרעגער זיינען ביי די פּאַרסן אַ באַזונדער קלאַס, וואָס האָבן פאַר זייער פּראָפעסיע באַקומען דעם נאָמען נעסוסאַלאַרן—אומריינע. אין טורים פירט איין איינציקער אריינ-גאַנג, דורך אים ווערט אַריינגעטראָגן דער מת, וואָס ווערט אַוועק-געלייגט אויף זיין שטיינערנעם געלעגער און איבערגעלאָזן פאַר רויב-פויגל צו עסן. גאַנצע מחנות רויב-פויגל טראָגן זיך איבער דעם דאָזיקן בית-עולם, און עס גייט ניט פאַרביי קיין שעה זינט מ'האָט דעם מת אַוועקגעלייגט, ווי זיי פרעסן שוין פון אים אַראָפּ דאָס גאַנצע לייב און רייסן אויס די איינגעווייד. נאָר אין פאַל, ווען זיי וועלן צעפּוילט ווערן, איז לעם יעדן מת געמאַכט געוואָרן אין אַ שטיין אַ רינשטאָק, דורך וועלכער די אומריינקייט רינט אַראָפּ אין אַ טיפער גרוב, וואָס איז אויסגעגראָבן אין מיטן טורים. אַהין ווערן אויך אַראָפּגעוואָרפן די ביינער פונם אָפּגעהיילטן סקעלעט, וואָס ווערן אויסגעטריקנט אונטער דער ווירקונג פון דער ברענענדיקער זון און ווינט. אויף אַזאַ אופן ווערט פריי אַן אָרט פאַר אַ צווייטן מת.

כדי ניט צו פאַראומריינקן די ערד, ווערט אין גרוב אָנגע-שאָטן זאַמד, ווייניקסטנס אַ קלאַפטער דיק. פון גרוב פירן פיר טרויבן, וואָס זיינען אויסגעלייגט מיט שטיין-קוילן און גראַניט, אַזוי אַז די פייכטקייט, וואָס פליסט פון גרוב, ווערט לאַנגזאַם פליסנדיק דורך זיי געריייניקט, איידער זי ווערט איינגעזויגן אין באָדן.

# XI.

מלחמות האָבן געצוואונגען מענטשן איינצוואָרדנען אַזעלכע בנינים, וואָס זאָלן זיי שיצן אין אַ פאַל פון געפאַר. מיר האָבן שוין דערציילט, ווי אזוי מענטשן האָבן געבויט פעסטונגען, אין וועלכע זיי פלעגן איבערגיין בעת אַן אָנפאַל פון אַ שונא. לאַגערן פלעגן אויך געמאכט ווערן ווי פעסטונגען. די רוימער פלעגן אַרומרינגלען זייער לאַגער מיט אַ טיפן גראָבן און אין מיטן לאַגער פלעגט אויפגעשטעלט ווערן דעם אָנפירערס געצעלט. אין יענע ערטער, וואו מ'האָט זיך שטענדיק געקאָנט ריכטן אויף אַן אָנפאַל, זיינען די פעסטונגען געווען ניט קיין צייטווייליקע, נאָר שטענדיקע וואוינונגען.

אין דעם מיטלאַלטער — דאָס הייסט מיט זיבן, אַכט הונדערט יאָר צוריק, האָבן אַ סך אייראָפּעאישע לענדער איבערגעלעבט פינסטערע צייטן. דער שטאַרקער האָט אונטערדריקט דעם שוואַכן, דער מעכטיקער — דעם אוממעכטיקן און עס זיינען געפירט געווארן מלחמות ניט נאָר מיט פרעמדע פעלקער, נאָר אויך צווישן זיך, איין טייל לאַנד איז אויפגעשטאנען אויף דער צווייטער, אַ ברודער אויף אַ ברודער. די וויכטיקסטע באַדינגונגען פון עקזיסטענץ זיינען געווען: אַן אייזערנער פאַנצער, גוטע געווער און אַ פאַרפעסטיקטע הויז. און כמעט אויף יעדן בערגל, אויף יעדן משופּעדיקן אָרט, האָט זיך דערהויבן אַ שלאָס, אין וועלכן ס'האָט געוואוינט אַ ריטער — אַ פריץ מיט זיין געזינד, מיט זיינע קנעכט און מקורבים.

די ערשטע שלעסער זיינען אַ ביסל ענלאַך געווען צו די רוימישע לאַגערן; דער שלאָס וואָס איז געווען אויסגעבויט אויף אַ נאטירלאַכן אָדער אויף אַ קינסטלאַכן בארג, איז געווען ארומגע-

ריִנגלט מיִט א גראָבן און מיִט א וואַל, וואָס איז פון זיַין זיַיט געווען ארומגעריִנגלט מיִט אַ פעסטן שוץ-צאַם. פון שלאָס גופא איז געמאַכט געוואָרן אַ געהיַימער דורכגאַנג צו אַן אונטערערדישע הייל מיִט אַ ברונעם. איִבערן גראָבן איז איִבערגעוואָרפן געווען אויף סלופעס אַ בריִקל, וואָס איז גרינג געווען פונאַנדערצונעמען, וואָס דאָס האָט שוין געגעבן די באַלאגערטע די מעגלאַכקיַיט צו פארשפאַרן זיך איִן שלאָס און פאַרטיידיקן זיך.

אָבער די באפאַלער האָבן אויך ניט געדרעמלט: זיי האָבן אָנגעהויבן מאַכן אַזעלכע כלי-זין, וואָס האָבן דורכגעבראָכן די ווענט פון שלאָס און זיי האָבן געבראַכט חיל גרעסער איִן צאָל פון באַלאַגערטנס חיל. דאַן האָט מען געמוזט בויען נאָך שטאַרקערע שלעסער און נאָך מער פאַרפעסטיקן זיך. און ביסלאכוויַיז האָבן די שלעסער אָנגענומען דאָס אויסזען פון אמתע פעסטונגען.

אָט ווי אַזוי א געוויסער היסטאָריקער באַשריַיבט אַזאַ מין שלאָס-פעסטונג:

„היִנטער אַ ברייטן גראָבן, איִבער וועלכן מ'האָט נאָר וואָס אראָפּגעלאָזן אויף קייטן אַ בריק, הויבט זיך אויף אַ דיקע שטייַנערנע וואַנט. אויבן אויפן וואַנט טיילן זיך דיַיטלאַך אויס קעגן דעם בלויען פאָן פון היִמל ברייטע צייַנער מיִט קוים באַמערקבאַרע שפּאַלטן. אויף אַ געוויסן שטח איינס פון דעם אַנדערן, ווערן די צייַלן צייַנער איִבערגעריסן מיִט קיַילעכדיקע שטייַנערנע טורימלאַך. אויף די וויִנקלען פון די ווענט טרעטן אַרויס פאָראויס געדעקטע שטייַנערנע באַלקאָנען. צוויַשנוויַיז באַוויַיזט זיך צווישן די שפּיצן דער בליִשטשענדיקער העלמעט פון א וואַך-האַלטער, און איִבער דער וואַנט, איִבער די צייַנער און באַלקאָנען, הויבט זיך שטאָלץ אויף דער שלאָס-טורים, אויף זיַין שפּיץ פלאַטערט אַ פאָן.

„נאָר אָט האָט זיך פון שפּיץ טורים דערהערט אַ שאַל פון אַ האָרן. וואָס זאָגט דער וועכטער אָן? פון אונטער די טונקעלע

שלאָס-טויערן רײַטן אַרויס, פריער אויפן אַראָפּגעלאָזענעם בריק און דערנאָך אויפן וואַל — די אײַנוואוינער פון שלאָס. פריער פון אַלץ לאָמיר באַטראַכטן דעם בריק און די טויערן. זיי געפינען זיך צווישן צוויי טורימס, וואָס זײַנען באַהעפט מיט דער פעסטונגס-וואַנט, דאָ ערשט באַמערקן מיר, אַז לעם די גרייסע טויערן זײַנען געמאכט געוואָרן קלײנינקע טויערן, ווי פּאָרטקעס. פון זיי איז אויך איבערגעוואָרפן איבערן גראָבן אַ בריק וואָס הויבט זיך אויף און לאָזט זיך אַראָפּ.

די בריקן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויף קייטן אָדער קאַנאַטן. עס איז אײַנגעאָרדנט אַזוי, אַז מען האָט, אַרײַנגייענדיק אין טויער בלויז געדאַרפט אַ צי טאָן אַראָפּ די קייט, און דער בריק האָט זיך אויפגעהויבן, ווי דער פליגל פון א סוכה, צום וואַנט און האָט מיט זיך פאַרשטעלט דעם טויער. עס פאַרשטייט זיך, אז דער בריק אַליין איז ניט געווען די איינציקע באַשיצונג פון טויער. חוצדעם, זײַנען זיי גוט פאַרשלאָסן און פאַרזיגלט געוואָרן. ווען מיר זאָלן צו זיי אונטערגיין אין אַ ניט פּאַסיקער צײַט, דאַרפן מיר אָנזאָגן וועגן זיך דורך אַ סיגנאַל פון אַ האָרן, אָדער אָנקלאַפּן מיט א קלאַפּער אין דער מעטאַלענער ברעטל, צי אַ קלאַפּ טאָן מיטן אײַזערנעם רינג, וואָס איז דערויף צוגעמאַכט בײַם טויער.

איצט אָבער זײַנען די טויערן אָפן און מיר קאָנען אַרײַנגיין.

מיר גייען דורך אונטער די לאַנגע אַרקן פון די טויערן. אויב די אײַנוואוינער פון שלאָס האָבן אונז באַמערקט און ווילן אונז ניט דורכלאָזן אין הויף, האָבן זיי נאָך אַ מיטל: דורך אַ ניט ברייטער עפענונג אין סופיט פון טויער קאָן אין איין מינוט אַראָפּגעלאָזן ווערן אַן אײַזערנע גראַטע און פאַרצאַמען אונז דעם וועג אין הויף אַרײַן.

דאָס זײַנען אַלץ געווען פאַרזיכטס-מיטלען קעגן אַן אָנפאַל פון דעם שונא. דער פאָדערשטער הויף איז אַ גאַנצע שטעטל: איר

האָט דאָ אַ קלויסטער, אַ וואַסער-בעקן, אַ קוזניע, הײַזער פאַר די קנעכט פון שלאָס און אפילו אַ מיל. ווײַטער גייט אַ צווייטער גראָבן, אָט איז נאָך אַ אינעווייניקסטע וואַנט, נײַע טויערן מיט אַלע מכשירים, ווי מיר האָבן געזען בײַ די ערשטע טויערן, מיר גייען זיי דורך און זײַנען שוין אין אַ צווייטן הויף. דאָ געפינען זיך פערד-שטאַלן, קעלערן, קיכן און בכלל אַלע לעם-געבײַדעס, ווי אויך דאָס הויז, אין וועלכער עס וואוינט דער בעל-הבית פון שלאָס, און דער עיקר — דאָ איז דער הויפט-טורים פון שלאָס.

לאָמיר אָפּשטעלן אונזער אויפמערקזאַמקייט אויף אים, מחמת ער האָט געהאַט אַ באַזונדערע באַדײַטונג, אַלס דער לעצטער מקום-מקלט פאַר די שלאָס-אײַנוואוינער. אַ סך צוימען און מניעות האָט דער שונא געדאַרפט בײַקומען, איידער ער האָט זיך דער-קליבן צום דאָזיקן טורים.

אין פאַל ווען דער שונא האָט זיך שוין אַרײַנגעריסן אין אינעווייניקסטן הויף, האָבן זיך די אײַנוואוינער פון שלאָס גע-קאָנט באַהאַלטן אין מיטלסטן טורים, און אויסהאַלטן אַ לאַנגע באַ-לאַגערונג ביז מען וועט זיי קומען צו הילף, אָדער ביז די אומ-שטענדן וועלן ווערן גינסטיק פאַר זיי. דאָס רוב האָט זיך דער הויפט-טורים געבויט גאָר אָפּגעזונדערט פון די איבעריקע בנינים, דערבײַ האָט מען געזען צו בויען אים לעם אַ קוואַל, מחמת אָן וואַסער וואָלטן זיי לאַנג ניט געקאָנט אויסהאַלטן די באַלאַגערונג. אויב ס'איז ניט געווען קײַן קוואַל האָט מען אײַנגעאָרדנט אַ וואַ-סער-פּאָמפּע.

די וואַנט פון הויפט-טורים האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר גרעב. טורימס זײַנען געווען פאַרשיידענע: קײַלעכדיקע, פיר-קאַנ-טיקע און פיל-קאַנטיקע. דאָס רוב האָט מען געבויט קײַלעכדיקע, ווײַל זיי האָבן בעסער אויסגעהאַלטן די צעשטערונגס-קראַפט פון דעמשונאס וואַנט-ברעכער-מאַשינען. דער אַרײַנגאַנג אין טורים איז געמאַכט

געוואָרן 2—3 קלאפטער איבערן פונדאַמענט. אין טורים האָט מען געקאָנט אריינגיין נאָר מיט דער הילף פון אַ לייטער, וואָס מען האָט געקאָנט צונעמען אָדער אינגאַנצן פארניכטן. אָפטמאָל פלעגט מען פון די דערבייאיקע בנינים איבערוואַרפן צום טורים בריקלאַך.

דער אונטערשטער עטאַזש, דאָס הייסט דער גאַנצער שטח פון פונדאָמענט ביזן אַריינגאַנגס-טיר, האָט געדינט אָדער אַלס געפענקעניש אָדער אלס שפייכלער, וואו עס זיינען געלעגן באַהאלטן דעם שלאָס-אייגנטימערס אוצרות. אי די ערשטע אי די לעצטע האָבן אָנשטאָט פענסטער בלויז געהאַט קליינע לעכער, דורך וועלכע ס'איז דורכגעדרונגען א ביסל לופט. אין די גאַנץ אַלטע צייטן האָבן די שלאָס-אייגנטימער אליין אויך געוואוינט אין טורים. דאָ זיינען געווען קינדער-צימערן, צימערן פאַר געסט, פאַר קראַנקע און גאָר פון אויבן האָט געוואוינט דער טורים-וועכטער. האַלטן וואַך אויפן טורים — דאָס איז געווען די שווערסטע פליכט.

דער וועכטער האָט אין היץ, אין קעלט, אין אַלע שלעכטע וועטערן געמוזט אַרומגיין אויפן באַלקאָן, וואָס אויפן סאַמע שפּיץ טורים און גוט אַכטונג געבן וואָס עס טוט זיך אין שלאָס גופא, סיי אין גאַנצן געגנט אַרום שלאָס. דער וועכטער האָט געבלאָזן אין האָרן ביים זון-אויפגאַנג און זון-פאַרגאנג, ביים אַרויסגיין אויף יאגד און ביים אומקערן זיך פון יאַגד, ביים אָנקומען פון געסט, ביים באַווייזן זיך פון שונא און אַזוי ווייטער. אויף דעם אויבערשטן באַלקאָן פלעגט צייטנווייז אויך אויסגעפירט ווערן אַ שרעקלאכער טויט-שטראָף. דאָ פלעגט מען הענגען פאַרברעכער.

דער טורים איז געווען אַ שטאַרקע פעסטונג. נאָר שטעלט זיך פאָר, אז דער שונא האָט זי אויך איינגענומען, וואָס האָט מען דאַמאָלסט געקאָנט טאָן? אויף אַזאַ פאַל איז אין טורים געמאַכט

געוואָרן אַ אונטערערדישער גאַנג, וואָס האָט געפירט צו אַ זיכערן אָרט, ווי למשל, צום דערבײַאיקן וואַלד.

ניט ווײַט פון גרויזאַמן און פינסטערן טורים, איז פאַר־פלאַנצט געווען אַ פּרעכטיקער פרוכט־גאָרטן און אַ בלומען־גאָרטן. דאָס אויג האָט מיט פאַרגעניגן אָפּגערוט אויף די ראָזן און ליליען, אויף די גרינס פון באַלזאַם־גראָזן, אויף די פרוכט־בוימער און אויף די בויגיקע ווײַנטרויב־צווײַגלאַך. אַזעלכע גערטנער זײַנען אומבאַדינגט נויטיק געווען פאַר די שלאָס־אײַנוואוינער, וואָס זײַנען געצוואונגען געווען צו וואוינען אין טונקעלע און אָפּטמאָל פײַכטע צימערן.

צום פאַרענדיקן מיט דעם אויסערלאַכן איבערזיכט פון אַ מיטלאַלטערלאַכן שלאָס, לאָמיר נאָך אַ קוק טאָן ווי אַזוי די אויסערלאַכע וואַנט פון שלאָס האָט זיך געבויט. איר געבוי איז מער קונציק ווי עס דוכט זיך פון דער זײַט, און עס לוינט זי צום באַטראַכטן: לאָמיר זיך אויפהויבן אויף איר מיט דער הילף פון אַ לײַטער, וואָס פירט אויף די וועגט און לאָמיר דורכגײן איבער אַ געדעקטן בניך, וואָס פירט איבערן טויער. אָט זײַנען מיר פון אים אַרויס און באַוועגן זיך איבער דער שלאָס־וואַנט, דאָס איז דער געוויינלאַכער גאַנג פון דעם שלאָס־וועכטער. צו דער רעכטער זײַט איז דער פאָדערשטער הויף פון שלאָס; לינקס הויבט זיך אויף אַ פאַרפעסטיקונג, אַ וואַנט כמעט די הויך פון א מענטשן, אויף איר — צײנער אויף אַ גלײַכן מרחק אײנער פון אַנדערן, צווישן די צײנער זײַנען פאַראַן שפּאַלטן, דורך וועלכע מ׳וואַרפט פײַלן.

די, וואָס האָבן געבויט שלעסער, האָבן זיך באַמיט צו שאַפן וואָס מער שוועריקײַטן און שטערונגען פאַר דעם אָנפאַלנדן שונא. און אָט זײַנען מיר געקומען פאַר אַזא שטערונג; די וואַנט ווערט מיט אַמאָל נידעריק אָפּגעהאַקט, און נאָך אַ געוויסן שטח הויבט זי זיך פלוצלונג ווידער אויף, מיר באַוועגן זיך איבער דעם

הילצערנעם בריקל, וואָס איז איבערגעוואָרפן איבער דעם אָפּ־גרונט צווישן ביידע טיילן וואַנט. אין דער צייט פון אַן אָנפאַל קאָנען די הילצערנע בריקלאַך, וואָס פאַראייניקן אין אַ סך ער־טער די וואַנט־דורכפאַלן, פונאַנדערגענומען ווערן אין עטלאַכע מינוט. נאָר אָט איז נאָך אַ שטערונג: די וואַנט איז פאַרצאַמט מיט אַ וואַנט־טורים, אין איר פירט פון שלאָס־זייט אַן אייזערנע טיר.

איצט בלייבט אונז נאָר איבער צום באַטראַכטן דעם אינע־ווייניקסטן אויסזען פון שלאָס. דערצו דאַרפן מיר זיך אויפהויבן אויף שטיינערנע טרעפּ. דורכגייענדיק די הויפט־טירן, גייען מיר אַריין אין אַ ברייטן קאָרידאָר, וואָס ציט זיך אין דער גאַנצער לענג פון דער פאָדערשטער שלאָס־וואַנט.

דורך די גרויסע פענסטער דרינגט אַריין אַ סך ליכט. אין וואַנט אַנטקעגן די פענסטער זיינען טירן, איינע פון וועלכע פירט אין הויפט־זאַל.

ווי טונקל דער זאַל איז! און ווי זאָל ער ניט זיין טונקל? ביי זיין גרויסן שטח, ביי די ווענט, וואָס האַלטן ביז אָנדערהאַלבן קלאַפטער די דיק, ביי די שמאָלע פענסטערלאַך און קאָלירטע שויבן, וואָס פאַרשטעלן די ליכטיקייט, איז גאַנץ פאַרשטענדלאַך די פינסטערניש פון זאַל: ער קאָן ניט זיין ליכטיק.

דער הויפט־צוועק פון די שלאָס־איינוואוינער איז צו באוואָ־רענען זיך קעגן שונא — אָט פאַרוואָס מ'האָט געשענקט אַזוי ווי־ניק אויפמערקזאַמקייט דער באַקוועמלאַכקייט. מ'קאָן פונדעסטוועגן ניט זאָגן, אַז אין יענע, דער עיקר קריגס־צייטן, האָבן מענטשן גאָר ניט געקימערט זיך וועגן באַקוועמלאַכקייטן אָדער שענקייט. אַז מיר וועלן באַטראַכטן די אינערלאַכע איינאָרדנונג פון שלאָס, וועלן מיר באַמערקן צייכנס פון שענקייט, כאָטש ווי געזאָגט זיי־נען זיי געשטאַנען אויפן לעצטן פּלאַן.

דער דיל פון זאַל איז אַ שטיינערנער, אָבער פון קאָלירטע

פליטן, אויסגעלייגט ווי אַ שאַכמאַט. דאָס שוואַכט אַ ביסל אָפּ דעם פינסטערן איינדרוק, וואָס איר פילט אַריינגייענדיק אין זאַל. דער גאַנצער זאַל איז צעטיילט דורך זיילן אויף דריי טייל.

דער סופית איז אַ פלאַכער, אין דער ברייט פון אים גייען אַ צייל בעלקעס, טיילווייז באַגילטע, טיילווייז געמאָלט מיט פאַרבן, די ווענט זיינען אויסגעקאַלכט, ערטערווייז אויסגעמאָלט מיט גראָבע צייכנונגען, ערטערווייז באַהאַנגען מיט טעפּיכער. אין מיטן צימער — אַ גרויסער דעמבענער טיש, באַדעקט מיט אַ טישטוך. אויף אים ליגן מעסער, גאָפּל, כלים פון גאָלד און זילבער. אַרום טיש, ווי אויך אַרום די ווענט פון זאַל — בענקלאַך מיט טישלאַך ביי זיי. אין עק שטייט אַ פּאָטעל מיט אַ קישן, מיט הענטלאַך און מיט אַ חופה פון אויבן. דאָס איז דער אָרט פאַרן ערן-גאַסט.

אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט פאַרדינט דער קאַמין, וואָס האָט זיך געוויינלאַך געפונען צווישן צוויי פענסטער: דאָס איז געווען אַ גאַנצע געביידע. אַלס פונדאַמענט האָבן געדינט גלייכע זיילן, כמעט די הויך פון אַ מענטשן. איבער זיי איז אַרויסגעטראָטן אַ שטיק פאַראויס אַ שטיינערנע יאַרמאָלקע, וואָס איז וואָס העכער געווען אַלץ שמעלער. אויף דעם דאָזיקן קאָלפּאַק זיינען געווען אויסגעמאָלט בילדער פון מיטלאַלטערלאַכן לעבן. אין אַ קאַלטן הערבסט-אָוונט, ווען דער ווינט האָט זיך געטראָגן אַרום שלאָס און געפּאָכט אין קאַמין, האָט זיך די גאַנצע הויז-געזינד אויפגעקליבן אַרום קאַמין.

איצט לאָמיר אַריינקוקן אין די איבעריקע צימערן. פון ביידע זייטן הויפּט-זאַל געפינען זיך נאָך זאַלן, קלענערע. דורכגייענדיק די זאַלן הויבן מיר זיך אויף איבער די שטיינערנע טרעפּ אויפן צווייטן שטאָק, דאָרטן וואוינט דער בעל-הבית מיט זיין פאַמיליע. אינטערעסאַנטער פון אַלע צימערן זיינען די שלאָףצימערן, אהער קומט אויך שוואַך צו, דורך די גראָבע ווענט און

קאַלירטע שויבן, די טאָג-ליכט. דער שלאָף-צימער האָט צוויי פענסטער, צווישן וועלכע עס געפינט זיך אַזא קאַמין, ווי אין זאַל, נאָר אַ קלענערער.

די ווענט זיינען דאָ געמאָלט און באהאנגען מיט בילדער און טעפיכער.

אַריינגייענדיק אַהער ווארפט זיך אין די אויגן אַ נידעריקע ברייטע בעט, וואָס שטייט מיטן צוקאָפּנס צום וואנט. די פּאָר-האַנגען, וואָס רוקן זיך איבער אויף אייזערנע שטאַנגען, זיינען אָוועקגעשאַרט און איר זעט אויפן בעט אַ גאַנצן באַרג זיידענע אויסגעהאפטענע קישנס און עס טיילט זיך דיטלאך אויס די רייכע קאָלדרע פון הערמאלין (גאָרנאָסטיי), פון ביידע זייטן בעט ליגן אויף דעם קאָלירטן שטייגערנעם דיל פעלן פון חיות, דערביי טאָקע שטייט אַ הויכער לייכטער מיט אַ דיקע וועקסענע ליכט און אַ שטאַנג אויף צוויי זייכלאך, אויף וועלכער ס'איז באשטימט צו הענגען די זאַכן אויפדערנאַכט.

לעם בעט, אויף אַ פּאָליצקע, שטייט די סטאַטועטקע פון דעם הייליקן, וואָס רעכנט זיך פאר דעם באַשיצער פון שלאָס. אַרום די ווענט זיינען ארומגעשטעלט בענקלאַך מיט קישנס, פּאָטעלן און וואו-ניט-וואו זיינען גלייך אויף דער פּאָדלאָגע אָנגעוואָרפן קישנס צום זיצן. אויף דער פּאָדלאָגעביים וואנט, שטייען עטלאַכע קאַסטנס, אין וועלכע עס ליגן וועש און קליידער. אייניקע פון זיי זיינען רייך פארצירט.

אויפן טיש, ניט ווייט פון קאמין, שטייען צוויי אינטערע-סאַנטע זאַכן: דאָס זיינען צוויי קליינע שאַכטעלאַך, איינע אַ קיי-לעכדיקע פון בראָנז, די צווייטע — אַ לאַנגע פון עלפאַנט-בוין. די קיילעכדיקע שאַכטל איז אָפן, און איר ליגט אַ שפּיגל אין אַ גע-שניצטער הילצערנער ראַם. אויף דער צווייטער שאַכטל שטעלט די שניצאַכץ פאָר אַ וואַלד מיט בוימער, מיט זינג-פויגל, און אונטער

די בוימער יאָגן זיך רײַטער נאָך עפּעס אַ חיה. אין דעם דאָזיקן שאַכטל ליגן ווערט-זאַכן און צירונג: אויריננגלאַך, ריִנגען מיט שאַץ-שטיינער, בראַסלעטן, פּערל און דאָס גלײַכן.

צום סוף וועלן מיר באַזוכן דאָס קלויסטערל אָדער קאַפּעלע און מיר וועלן געהיים אַרײַנכאַפּן זיך אין שלאָס-געפענקעניש.

דאָס קלויסטערל געפינט זיך אין אַ באַזונדער געבײַדע אויפן ערשטן הויף אָדער אין שלאָס גופא, לעם דעם הויפּט-זאַל. עס פאַרשטייט זיך, אז אַ קלויסטער אָן אַ גלח איז ניט שייך, דער גלח אָדער — קאַפּעללאַן, איז אַ נויטיקע פּאַרשוין צווישן די אײַנוואוינער פון שלאָס. מען קען דאָך ניט פאָרן יעדעס מאָל נאָך אַ גלח, וואָס געפינט זיך ווער ווייס ווי ווײַט. אָדער שטעלט זיך פאָר, וואָס וואָלט מען געטאָן אָן אַ גלח ווען דער שונא פאַלט אָן? ס'וואָלט דאָך, חלילה, אויסגעקומען צו שטאַרבן אָן ודוי. חוצדעם, איז דער קאַפּעללאַן אָפט דער סעקרעטאַר פון שלאָס: ער שרײַבט בריוו פאַרן בעל-הבית, לייענט בריוו און דאָס גלײַכן. ער איז אויך דער רעליגיאָנס-לערער פון יונגן דור.

די קאַפּעלע איז אַ פּשוטער פיר-קאַנטיקער צימער, באַלויכטן פון עטלאַכע האַלב-קײַלעכדיקע פענסטער מיט קאָלירטע שויבן, אויף וועלכע עס זײַנען אויסגעמאָלט עטלאַכע הייליקע. זי פאַרענדיקט זיך מיט אַ האַלב-קײַלעכדיקע וואַנט, וואו עס שטייט דער מזבח, עס ליגט דאָס עוואַנגעליום און די איבעריקע מכשירים.

פון דעם דאָזיקן אָרט, פון וואַנען עס ווערט יעדן טאָג געדרשנט וועגן שלום און ליבע, לאָמיר זיך איבערטראָגן אין אַ צווייטן אָרט, וואו עס הערן זיך אָפט טויטע קללות און שרעקלאַכע קרעכצן. מיר געפינען זיך אין געפענקעניש, אונטער דעם שלאָס-טורים. אַ פינסטערער, קײַלעכדיקער קעלער מיט אַ געמויערטן סופיט. אין סופיט — אַ לאָך, דורך וועלכער מ'לאָזט אַרונטער פאַרברעכער. דורך קליינינקע לעכער דרינגט אַרײַן אין דעם

דאָזיקן שרעקלאכן אָרט עטוואָס לופט. די פארשטיקטע לופט, שמוץ, אַלערליי שרצים, די וואַסער, וואָס רייסט זיך דורך דער ערד און פילט אָן דעם קעלער, — גראָבן אונטער דאָס געזונט פון די פארשפארטע, וואָס זיינען געווען אומגליקלאך גענוג אריינצופאַלן אונטער די דאָזיקע פינסטערע סופיטן.

עס זיינען אוועק יאָרהונדערטער, עס האָבן אויפגעהערט די בירגער-קריגן און מען האָט זיך שוין מער ניט געניטיקט אין פארפעסטיקטע שלעסער. די אַלטע שלעסער זיינען בּיסלאַכווייז פארלאָזן געוואָרן פון זייערע אייגנטימער, און קיין נייע האָט מען ניט געבויט. דאָך קאָן מען נאָך אין איינצלנע לענדער, איבערהויפּט אין דייטשלאַנד, שווייצאַריע, פראַנקרייך, זען דאָס אויף אַ באַרג, דאָס אויף אַ הויכן פעלז די רואינען פון אַלטע שלעסער.

ווען די דאָזיקע שטומע, האַלב-צעפאַלענע ווענט וואָלטן געקאָנט ריידן, וואָלטן זיי דערציילט אַ סך שרעקלאַכע זאַכן וועגן בּלוטיקע שלאַכטן, מערדעריען און פייניקונגען פון מיטלאַלטערלאַכן לעבן.

## XII.

חוץ די שלעסער האָבן אין מיטלאלטער, ס'פארשטייט זיך, אויך עקזיסטירט שטעט און דערפער. דאָ האָבן געוואוינט ערד-אַרבעטער, בעל-מלאכות און הענדלער, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט פרידלאַכע ארבעט. די שטעט זיינען גאָר ניט געווען ענלאַך צו הייַנטיקע. די גאַסן זיינען געווען געדרייטע, קרומע און אזעלכע שמאָלע, אַז צווישן ביידע שורות הייזער האָט קוים געקאָנט דורכפאָרן אַ וואָגן. ביינאַכט זיינען די גאַסן ניט באַלויכטן געוואָרן, און ארויסגייענדיק אין גאַס האָט מען געמוזט מיטנעמען אַ לאַמטערנע.

די הײַזער פון פארמעגלאַכע שטאָט-לײַט האָבן זיך געבויט פון עטלאַכע שטאָק. אויף דער גאַס איז אַרויס אַ שמאָלע וואַנט מיט עטלאַכע פענסטער אין יעדן שטאָק. די וואַנט איז פון דרויסן אויסגעמאָלט געווען אינגאַנצן מיט בילדער, וואָס האָבן פאַרגע-שטעלט סצענעס פון דער הײליקער געשיכטע, אָדער פון פאַ-מיליען-לעבן, בילדער, ווי מען וועבט, שפּינט, נײט אָדער ווי מען באַשעפטיקט זיך מיט דער אָדער יענער מלאכה. די דאָזיקע בילדער, האָבן ווי פאַרגעשטעלט וואָס עס טוט זיך אינעווייניק אין די הײַזער. צווישן איין בילד און דעם צווייטן זײַנען גע-ווען אויסגעמאָלט אומגעלומפערט-גרויסע צווײַגן פון בוימער מיט בלעטער און אָן בלעטער, אויף וועלכע עס זײַנען געזעסן חיות און פויגלען. דער דאַך איז געווען אַ ציגלנער און ניט אויף צווי זײַטן, נאָר אויף פיר. די אויסערלאַכע טיר פלעגט געמאַכט ווערן אַ גרויסע, ווי אַ טויער, פון שטאַרקן דעמב, זי פלעגט זיך פון אינע-ווייניק פאַרשליסן מיט גרויסע שליסלען און מיט שווערע ריגלען. אז אימיצער זאָל אַרויסגײן עפענען די טיר, האָט מען געמוזט אָנקלאַפן אין איר מיט אַ שווערן אײַזערנעם קלאַפּער, וואָס איז געהאַנגען בײַם טיר אויף אַ קייט. דער קלאַפּער האָט געהאַט די פאָרמע פון אַ גרויסן בײגל אָדער פון אַ קאָפּ פון וואָסער ניט איז חיה. כדי מ'זאָל וויסן ווען דאָס הויז געהערט, האָט מען איבערן טיר אויפגעהאַנגן אַ שילד מיט דעם פאַמיליען-הערב, אויף איין הערב איז געווען אויסגעמאָלט אַ בער, אויפן צווייטן — אַ הירש, אויפן דריטן — אַ גאָלדענע האלבע לבנה, אויפן פערטן — אַ ברע-נענדיקע הארץ און אזוי ווײַטער.

פעסטע ריגלען און ווײניק פענסטער צום גאַס זײַנען גע-מאַכט געוואָרן אויפן פאַל פון אַ שונאס אָנפאַל אויף דער שטאָט — אַ זאַך וואָס האָט אָפט פאַסירט אין יענע צײַטן. טאָקע צוליב דעם איז די שטאָט גופא אויך אַרומגערינגלט געווען מיט אַ גראָבן,

מיט אַ וואַל און אַ וואַנט מיט טויערן.

לעבנדיק אין שטענדיקער מורא פאַר אַן אָנפאַל, האָבן מענטשן זעלטן געבויט גרויסע און טײַערע הײַזער, ווײַל דער שונא האָט אָן רחמנות חרוב געמאַכט און פאַרברענט די הײַזער פון פרידלאַכע אײַנוואוינער. דערצו האָבן נאָך די שטענדיקע מלחמות פאַראָרימט דער באַפעלקערונג און זעלטן ווער ס'האָט פאַרמאָגט צו בויען זיך אַ רעכטע הויז. דאָס רוב בנינים זײַנען באַשטאַנען פון קלײנינקע, ענגע, פאַרשטיקטע, שלעכט-באַלויכטענע און גאָר ניט געלופטערטע קאַמערלאַך. אַ דאַנק דעם, וואָס די הײַזער זײַנען געשטאַנען זייער נאָענט איינע פון דער צווייטער — האָט יעדע שרפה חרוב געמאַכט גאַנצע גאַסן. דערצו האָבן נאָך מענטשן דאַמאָלסט ניט געוואוסט ווי אַזוי צו קעמפן מיט פײַער, און זיי איז זעלטן געלונגען צו פאַרלעשן אַ שרפה. ווען ערגעץ האָט אויסגעבראָכן אַ שרפה, פלעגן זיי פאַרכאַפן די בעסערע חפצים און ארויסלויפן אין פעלד, איבערלאָזנדיק אַלץ אַלס קרבן פון פײַער.

די מיטלאַלטערלאַכע שטעט זײַנען געהאַלטן געוואָרן זייער שמוציק. קײַן חידוש ניט דעריבער, וואָס אַלערליי עפּידעמישע קראַנקהײַטן, ווי פּאָקן, כאָליערע, טשומאַ, האָבן זיך פעסט באַזעצט אין די שטעט און אומגעבראַכט כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג.

ווען עס זײַנען אָנגעשטאַנען פרידלאַכע צײַטן, האָבן די שטעט גענומען אַנטוויקלען זיך, אויסבעסערן זיך און רײַך ווערן. מ'האָט ניט גאָר גענומען בויען בעסערע הײַזער, נאָר אויך געזאָרגט דערפאַר, אַז די שטעט זאָלן געזינטער ווערן. פאַרשטיקטע, שווערע לופט ווירקט שעדלאַך אויפן געזונט פון מענטשן, וואָס וואוינען און אַרבעטן אין האַלב-פינסטערע, פײַכטע הײַזער, זיי זײַנען בלייך, שוואַך און קרענקלאַך. כדי דערמיט צו קעמפן, דאַרף מען קודם כל באַזײַטיקן די ערשטע סבה — אומגעזונטע דירות. האָט

מען אָנגעהויבן בויען הײַזער, העכער, פרײַער, מיט גרויסע פענס־טער, וואָס זאָלן דורכלאָזן גענוג ליכט און וועלכע מ׳זאָל קאָנען עפענען, כדי אַרײַנצולאָזן פרישע לופט.

מ׳איז דערגאַנגען, אַז די טײַכן פון וועלכע מ׳נעמט טרינק וואַסער, זײַנען פאַרשמוצט, און אומרײנע וואַסער פאַרשאַפט דעם מענטשן אַ סך חולאתן, האָט מען גענומען דורכפירן אונטער דער ערד טרויבן, דורך וועלכע דער גאַנצער שמוץ פון שטאָט איז אָפּגעצויגן געוואָרן אין פעלד אַרײַן, וואו ער האָט נאָך געבראַכט נוצן, דינענדיק אַלס באַמיסטיקונג. די גאַסן האָט מען גענומען מאַכן ברייטער, אַזוי אַז איבער זיי פאָרן לײַכט עקיפּאַזשן. כדי פאַרהיטן זיך פון די געוואַלדיקע בלאָטעס אין רעגן־צײַט און פון אומפאַרטראָגלאַכן שטויב אין הייסע טעג, האָט מען גענומען ברוקירן די גאַסן; פאַר פוס־גייער האָט מען פון ביידע זײַטן גאַס גענומען לייגן בריקלאַך — טראָטואַרן. לעם די טראָטואַרן אָדער אינמיטן גאַס האָט מען גענומען שטעלן אויף הויכע סלופּעס לאַמ־טערנעס, וואָס ווערן אינאָוונט אָנגעצונדן און באַלײַכטן די גאַסן. כדי די שטאָטישע אײַנוואוינער זאָלן אין זייער פרײַער צײַט קאָ־נען אָטעמען פרישע לופט, האָט מען גענומען אײַנאָרדנען שטאָט־גערטנער, סקווערן, קליינע גערטלאַך און בולווארן.

חוץ וואָס מ׳האָט זיך באַמיט געזינטער צו מאַכן די שטאָט, האָט מען אויך געזען צו פאַרפּײַנערן זי.

די סאַמע שענסטע און גוט אײַנגעאָרדנטע שטאָט איז געוויינלאַך די הויפּט־שטאָט.

הויכע, ריינע, פאַרפּוצטע הײַזער און גרויסע פּרעכטיקע טעמפּלען גיבן צו דער שטאָט אַ צוציענדיק אויסזען.

אויף די עפנטלאַכע פּלעצער שטייען געוויינלאַך מאָנומענטן פון באַרימטע מענטשן פאַר דאָס לאַנד אָדער פאַר דער גאַנצער

מענטשהייט. און צווישן די גריגס פון די גערטנער, וואָס זיינען ארומגערינגלט מיט געשניצטע שטאַכעטן, קוקן אַרויס ווייסע קונסט-סטאַטועז. אין מיטן פון די בלומען-בייטן וואָס זיינען פאַרשפּרייט, ווי פּרעכטיקע טעפּיכער, שפּריצן פאָנטאַנען און קילן אָפּ די זומערדיקע היץ. די ברעגן טייך זיינען אויסגעפלאַסטערט און איבער די טייכן זיינען איבערגעוואָרפן גראַנדיעזע בריקן.

אויף דער אַנטוויקלונג פון די שטעט האָט זיך געפאָדערט ניט ווייניק צייט, און אין יעדער לאַנד איז מיט עטלאַכע דורות צוריק אַפילו די הויפּט-שטאָט געווען ניט בעסער ווי אַ פאַרוואָר-פענעקליין שטעטל איצט, און כאָטשבי די אַנטוויקלונג גייט אומעטום פאָרווערטס, אָבער ניט אומעטום גייט זי גלייך. דערפאַר דינען די מער פאָרגעשריטענע שטעט אַלס ביישפּיל פאַר די אייבעריקע. די סאַמע מוסטערהאַפטע שטעט זיינען אין מערב-אייראָפּע און אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון-אמעריקע.

## XIII.

כּדי צו באַקומען אַ השגה וועגן אַ גרויסער שטאָט, לאָמיר זיך איבערטראָגן אין די געדאַנקען אין איינע פון די אויסלענדישע הויפּט-שטעט. אין וואָסער צייט פון מעת-לעת מיר זאָלן אהין ניט אַריינפאַלן, וועלן מיר טרעפן אויף די גאַסן אַ לעבהאַפטע באַוועגונג. עס הויבט נאָר אָן צו טאָגן, ווי עס פאָרן שוין ארום וועגלאַך, וואָס שטעלן צו אין די הייזער מילך, פּוטער, ברויט, קוילן, שפּעטער אַ ביסל איילן בעלי-מלאכות און ארבעטער צו דער אַרבעט, דינסט-מיידלאַך גייען מיט זייערע קוישלאַך אין מאַרק, קינדער מיט די ביכלאַך אין די הענט אָדער אויף די רוקנס לויפן אין שול אַריין, באַאַמטע, הענדלער, האַנדלס-אָנגעשטעלטע גייען יעדער צו זיין באַשעפטיקונג. אויף די טראָטואַרן

באוועגן זיך שטענדיק גאַנצע מחנות מענטשן, און נאָך זייערע פאַרזאָרגטע, אָנגעשטרענגטע פנימער זעט מען, אַז יעדער איילט וועגן זיינע געשעפטן.

אויף די גאַסן באַוועגן זיך הין און צוריק דראָזשקעס און פּריוואַטע עקיפּאַזשן, אין מיטן גאַס גליטשט זיך איבער די רעלסן אַ קאָנקע, וואָס איז איצט כמעט אומעטום פאַרביטן אויף אַן עלעקטרישן טראַמוואַי, וואָס באַוועגט זיך נישט דורך פערד, נאָר דורך עלעקטרישע קראַפט און אַ סך גיכער ווי אַ קאָנקע.

אמאָל האָט זיך דער מענטש באַנוצט מיט אָקסן, מיט פערד, אין אייניקע ערטער באַנוצט מען זיך מיט הינט, מיט הירשן, מיט אייזלען מיט קעמלען, מיט עלפאַנטן צו באַוועגן זיך. איצט האָט ער אויסגעקלערט אַ מאַשין, וואָס באַוועגט זיך דורך קעראָסין, בענזין אָדער עלעקטרי. די דאָזיקע מאַשין הייסט אויטאָמאָביל— זעלבסטבאַוועגער, און גייט גיכער פון אַלע פערד, און אַרבעט אָן אויפהער. זי ווערט באַנוצט אין אַלע גרויסע שטעט פון אַלע ציוויליזירטע לענדער.

אויף הויכע שטיינערנע אָדער אייזערנע סלופּעס איז אַוועקגעלייגט אַ בריק, אויף וועלכער עס גייט די שטאָט-אייזנבאַן. צוגן גייען אַלע דריי-פינף מינוט, אויף יעדער סטאַנציע גייען אַרויס און אַריין הונדערטער פּאַסאַזשירן.

די שטאָט איז גרויס און עס קומט אויס צו גיין זייער ווייט, אָפטמאָל עטלאַכע וויאָרסט. די טראַמווייען גייען, אמת, זייער שנעל, אָבער איין טראַמוויי-וואַגאָן קאָן קיין סך מענטשן ניט אַריינעמען, אין דער צייט וואָס אַן אייזנבאַן-צוג קאָן אין איין מאָל איבערפירן הונדערטער פּאַסאַזשירן. דאָס איז די מעלה פון אַ שטאָטישער אייזנבאַן, וואָס זי פאָרט גיך, קאָסט ביליק, און נעמט אַריין אַ סך מענטשן, אַזוי אַז מ'דאַרף קיין צייט ניט פאַרלירן, וואַרטנדיק ביז ס'וועט זיין אַן אָרט.

בילעטן אויף דער שטאָטישער אייזנבאַן ווערן געקויפט ניט אין קאַסע, נאָר פון אן אויטאָמאט — א מאשין אזא, וואָס פארקויפט די בילעטן. אזעלכע אויטאָמאַטן שטייען אויף יעדער סטאַנציע עטלאַכע, כדי עטלאַכע מענטשן מיט אמאָל זאָלן קאָנען קויפן בילעטן. אין שפאַלט פון אויטאָמאט ווארפט מען אריין א געוויסע מטבעה, און אפּוואַרטנדיק ביז זי גיט א קלונג, גיט מען א ציפּאַרן הענטל און עס שפּרינגט אַרויס א בילעט. אויפן אויטאָמאַט איז אָנגעשריבן ווי אזוי צו טאָן, און יעדערער קאָן לייכט כאַפּן די תורה. דאָס פארשפּאָרט צום שטיין ביים קאַסע און אין א מאָמענט האָט איר א בילעט.

די שטאָט פאַרנעמט א גרויסן שטח—א וויאָרסט פערציק אין דער ברייט, און זי ווערט נאָך מיט יעדן יאָר גרעסער. פונדעסטוועגן איז עס נאָך אַלץ ווייניק, מחמת איינוואוינער געפינען זיך אין איר איבער 3 מיליאָן. קיין חידוש ניט, וואָס ניט האָבנדיק די מעגלאַכקייט צו פארשפּרייטן זיך אין דער ברייט, וואקסט די שטאָט אין דער הויך. זייער זעלטן באַגעגנט איר א הויז, וואָס האָט ווייניקער ווי פיר, פינף שטאָק די הויך. דער אונטערשטער שטאָק איז, געוויינלאך, פאַרנומען מיט קראָמען, אין די פענסטער פון וועלכע עס זיינען אויסגעשטעלט אַלערליי סחורות, וואָס רופן דעם קונה: קום און קויף. אויפן צווייטן שטאָק זיינען קאַנטאָרן, סקלאַדן, און נאָך העכער—דירות. יעדעס הויז איז אזוי גרויס, אַז מיט די שכנים פון איין הויז האָט מען געקענט באַזעצן א גאנצן דאָרף אָדער א היבש שטעטל. פּלאַץ איז זייער טייער, דעריבער זיינען די הויפן קליינינקע. דאָס רוב איז דער הויף אין מיטן געביידע אַרומגערינגלט מיט פיר הויכע ווענט, זעט ער אויס ווי א טיפער ברונים.

די וואוינונגען, סיי גרויסע, סיי קליינע, סיי טייערע, סיי ביליקע זיינען איינגעאָרדנט מיט באַקוועמלאַכקייטן. אין קיך איז

דורכגעפירט וואַסער, די באַהייצונג איז אַ צענטראַלע, דאָס הייסט, אין קעלער פון הויז ווערט געהייצט און די פארע גייט זיך פונאנדער דורך טרויבן איבער אַלע דירות; אין דאָס רוב הייזער איז דורכגעפירט עלעקטרישע באַלייכטונג, וואָס פאָדערט אויך ניט קיין סך טרחה. אַ דריי געטאָן אַ שרייפל—און דער עלעקטרישער לעמפל ברענט שוין. איר דאַרפט מער קיין פייער ניט, גיט איר ווידער אַ דריי דעם זעלביקן שרייפל—און דאָס לעמפל איז פארלאָשן.

עלעקטרישע לאָמפן ברענען זייער העל און ליכטיק, זיי זיינען ריין, איר האָט אַרום זיי קיין שום אַרבעט ניט און זיינען זיכער פון אַ שרפה. און וויפל אומגליקן האָט שוין פאַסירט פון אַ צעבראָכענעם נאַפט-לאָמפ, און ווי שרעקלאַך דאָס איז, ווען אַ פיל-שטאָקיקע הויז מיט טויזנטער איינוואוינער צינדט זיך אָן!..

כדי צו פארהיטן פון אַן אומגליק בעת אַ שרפה, שרייבט פאָר דאָס געזעץ אָפּצוהיטן ביים בויען גרויסע הייזער געוויסע כללים. ערשטנס, מוז יעדע דירה האָבן צוויי‏ענדיקע טרעפ, וואָס דאַרפן זיין שטיינערנע אָדער טשוגונענע, מחמת זיי קאָנען בעסער ווי הילצערנע ביישטיין קעגן פייער; אַזוי ווי אומעטום איז דורכגעפירט וואַסער, מוז זיך אויף יעדן שטאָק געפינען פאַזשאַרנע קישקעס, כדי ביז וואַנען די פייער-לעשער קאָמאַנדע וועט קומען צו פאָרן מיט אירע פאָמפעס, לייטערס און די איבעריקע מכשירים, זאָלן די איינוואוינער אַליין קאָנען לעשן, אָדער, לכל הפחות, פארהאַלטן אַ ביסל דעם פייער.

וואָס גרעסער און העכער אַ הויז איז, אַלץ געפערלאַכער איז פאר איר אַ שרפה. אין די אַמעריקאַנישע שטעט, וואו איר באַגעגנט אויף יעדן טריט, צען, פופצן, צוואַנציק-שטאָקיקע הייזער און נאָך העכער,—ווערט פאר זיי געברויכט אַ ניט-ברענענדיקער מאַטעריאַל, מייסטנטיילס—אייזן. לעצטנס האָבן אַמעריקאַנער גע-

בומען געברויכן צום בויען אַ באַזונדער מין גלעזערנע־ציגל, וואָס זײַנען, ווערלאָק די פּראַקטיקע האָט באַוויזן, זייער שטאַרק און האָבן קיין מורא ניט פאַר פײַער.

אויפהויבן זיך און אַראָפּלאָזן זיך פון די הויכע טרעפּ איז שווער, און אויפהויבן אַ משא—נאָך שווערער. דער מענטש האָט זיך דאָ אויך אַן עצה געגעבן: ער האָט אײַנגעאָרדנט אַ הויב־מאַשין. דאָס איז אַ קליין צימערל, וואָס הויבט זיך אויף און לאָזט זיך אַראָפּ דורך עלעקטרישע קראַפט. מען קען זי אָפּשטעלן לעם יעדן שטאָק, אַרויסזעצן מענטשן און אַרויסשטעלן זייערע זאַכן. אין גרויסע הײַזער זײַנען אײַנגעאָרדנט צו עטלאַכע הויב־מאַשינען.

דער מענטש קליגט זיך אַלץ, ער זאָל ניט דאַרפן פאַרלירן אומזיסט קיין צייט. קומענדיק אַהיים פון זײַן אַרבעט אויפן טראַמוויי, אָדער מיטן באַן, הויבט ער זיך אויף צו זיך אויף דער הויב־מאַשין. נאָר דאָ דאַרף ער עפּעס געוואָר ווערן אָדער הייסן עפּעס טאָן, צוליב וואָס ער דאַרף זיך ווײַטער לאָזן ווער ווייס ווי ווײַט, ריזיקירנדיק ניט צו טרעפן יענעם אין דער היים. האָט ער אויסגעטראַכט אַ מיטל, וואָס זאָל אים פאַרשפּאָרן אי צײַט, אי טרחה. ער קאָן, זיצנדיק בײַ זיך אין צימער, דורכשמועסן זיך מיט איינעם, וואָס געפינט זיך אין צוווייטן עק שטאָט אָדער אפילו אין אַן אַנדער שטאָט פאַר טויזנט מײַל ווײַט: דאָס איז דער טעלעפאָן.

אין צימער איז הייס, אָבער אַרויסגיין שפּאַצירן אין מיטן וואָך איז קיין צײַט ניטאָ, און דער גאָרטן איז אויך גראָד ווײַט, דערפאַר האָט ער לעם זײַן הויז אַ באַלקאָן, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט אײַזערנע גראַטעס, און אויף וועלכן עס איז אין קעסטלאַך אָנגעשאָטן ערד און פאַרזייט אַלערליי בלומען. דאָס רוב מאַכט מען נאָך פון אויבן אַ לײַוונטענעם דעכל, און דאָס פאַרבײַט שוין אַ ביסל דעם גאָרטן. קיין שטויב דערגרייכט ניט

צו די הויכע שטאָקן, בפרט, אַז די גאַסן ווערן דריי מאָל אַ טאָג באַגאָסן מיט וואסער, געשאָבן מיט שאָבערס און געווישט מיט גומענע וואלן.

לאָמיר זיך דורכגיין איבער די גאַסן. אויף ווייל די אויג כאַפּט, ציען זיך פון ביידע זייטן צייל'ן גרויסע הייזער. אויב צווישן צוויי גרויסע הייזער שטייט אַ נידעריק הויז אָדער אַ גאָרטן און עס זעט זיך אַ גלאַטע וואַנט, ווער זי אומבאַדינגט אויסגענוצט ווערן: אויף איר זיינען מיט קלאַפּטערדיקע אותיות אָנגעשריבן האַנדלס-רעקלאַמען, דאָס רוב מיט צייכנונגען. אָט, למשל, איז אויסגעמאָלט אַ גרינער געמויזאַכץ, אויף וועלכן עס פיטערן זיך פעטע בהמות, און הויבן גייט אַ רעקלאַמע וועגן שפּייז פאַר קליינע קינדער, וואָס ווערט געמאַכט פון די מילך פון שווייצאַרישע בהמות. אָט לויפט אַ ייִנגל מיט אַ פּאַק גאַזעטן און שרייט מיט קולות, מען זאָל לייענען נאָר זיין ציַיטונג, דער נאָמען פון וועלכער איז אָנגעשריבן אין דער גאַנצער לענג פון וואַנט, פון אַזוי ווייטער. פון פאָרנט זיינען צום הויז צוגעשלאָגן גרויסע שילדן פון מאַגאַזינען, פאַבריקן, קאַנטאָרן.

אין די אַרבעטס-טיילן פון דער שטאָט זיינען גאַנצע קוואַר־טאַלן פאַרנומען מיט דער אויסאַרבעטונג פון איינס און דעם זעל־ביקן אַרטיקל. גאַנצע צייל'ן פאַבריקן פון פאַרטיקע קליידער שטייען לעם אַ צייל פאַבריקן פון קינסטלאַכע בלומען; אין די דערבייאיקע קוואַרטאַלן ווערן אויסגעאַרבעט האַפטונג, בענדער, קנעפלאַך, סטענגעס, זאָקן און דאָס גלייכן. אומעטום זיינען פאַ־ראַן הורטאָווע סקלאַדן, וואָס שטעלן צו סחורה אין די מאַגאַזינען פון זייער שטאָט, אין אַנדערע שטעט, און אפילו אין אַנדערע לענדער.

מאַגאַזינען זיינען פאַראַן אומעטום, נאָר אויף די הויפּט־גאַסן צייכענען זיי זיך אויס מיט זייער רייכקייט און פּראַכט. אין

די האנדלס-טיילן פון שטאָט געפינען זיך אַ וואָסער צענדליק אוי־סערגעוויינלאַך גרויסע מאַגאַזינען, אָדער אַזוי גערופענע מערק. יעדערער פון אַזעלכע מאַגאַזינען פאַרנעמט איין אָדער צוויי פילשטאָקיקע הייזער, וואָס גייען אַרויס אויף פיר גאַסן. אַזאַ מאַ־גאַזין איז אַ גאַנצע שטעטל. אין אים זיינען פאַראַן הונדערטער אָפטיילונגען און טויזנטער אָנגעשטעלטע. דאָ ווערט פאַרקויפט וואָס אַ מויל קען ריידן: מעבל, טעפּיכער, געפעס, קאָסטנס־לאָמפּן, מאַטעריאַלן, אַלערליי צודאַטן, פאַרטיקע קליידער, וועש, שיך, היט, שפּילצייג, שרייבגעצייג, פרוכטן, געבעקס, פלייש, קאָנ־פעקטן, גרויפּן, מעל, מיט איין וואָרט: אַלץ, וואָס איר ווילט אַליין, פון אַ נאָדל ביז אַן אויטאָמאָביל. אויפהויבנדיק זיך אויף אַ הויב־מאַשין פון איין שטאָק אויפן צווייטן, וועט דער קונה באַקומען וואָס ער געברויכט—ער דאַרף ניט פאַרלירן קיין צייט, אומ־לויפנדיק פון איין מאַגאַזין צום צווייטן; ער קאָן אַלץ געפינען אין איין אָרט. פון דער צווייטער זייט קאָנען די קליינע מאַגאַזינען ניט קאָנקורירן מיט די גרויסע, וואָס קערעווען מיט מיליאָנען, אַרבעטן אויס אַ סך סחורות אַליין, שפּאָרן אין הוצאות און קאָנען דעריבער פאַרקויפן ביליקער. קיין חידוש ניט, וואָס אין אַזעלכע מאַגאַזינען זיינען שטענדיק פיל קונים.

כמעט אין יעדער הויז זעען מיר אַ האָטעל, אַ רעסטאָ־ראַן, אַ קאַפע-הויז. אָנגעפּאַרענע מענטשן זיינען אין אַ גרויסער שטאָט שטענדיק פאַראַן אַ סך. ווער עס קומט נאָך סחורה, ווער —היילן זיך, ווער—פאַרווײַלן זיך, ווער—סתּם באַקוקן די וואונ־דער און זעלטנהייטן פון דער גרויסער שטאָט, דאַרף מען האָבן האָטעלן, וואו זיי זאָלן איינשטיין, אַ רעסטאָראַן—וואו אָפּצועסן. אַ פאַמיליע-מענטשן קומט אָפט אויך אויס צו זיין ווייט פון דער היים און עסן אין אַ רעסטאָראַן. חוצדעם, רעדט מען זיך דאָס רוב אָפּ צו טרעפן אין אַ רעסטאָראַן אָדער אין אַ קאַפע, וואו

ביי מיטאָג אָדער אַ גלעזל קאַווע, מאַכט מען געשעפטן אָדער מען שמועסט זיך דורך מיט אַ גוטן פריינט, וועלכן מען קאָן אָפט ניט באַזוכן צוליב דער ווייטקייט. די פענסטער און אָפט — די וועראַנדע פון דער קאַפע גייען אַרויס צום גאַס, און זיצנדיק אינעווייניק, קוקן די באַזוכער אויף דער באַוועגונג פון דרויסן. אין אָוונט ווערט דער עולם נאָך גרעסער. מענטשן גייען שפּאַ־צירן, שטעלן זיך אָפּ לעם די פענסטער פון מאַגאַזינען, פון רע־סטאָראַנען, און אויפן גאַס הוזשעט ווי אין אַ בינשטאָק.

ניט אַלע טיילן פון שטאָט זיינען גלייך. אויף די פאָר־שטעט, וואו עס וואוינט דער אָרימער קלאַס, זיינען די הייזער אפילו אויך הויכע, אָבער שוין ניט אַזוי שיין און פאַרפּוצט. דאָרטן אין דער אַלטער טייל פון שטאָט, זיינען נאָך פאַרבליבן אייניקע פון די אַמאָליקע שמאָלע, געדרייטע און פינסטערע גאַסן, מיט קרומע אָפּגעפּליקטע הייזער, אין וועלכע עס וואוינען אָרימע אַר־בעטער. — דערפאַר זיינען די נייע קוואַרטאַלן קיין ערך ניט שע־נער. קיין פאַבריקן זיינען דאָ ניטאָ. מאַגאַזינען — ווייניק. דאָ וואוינען דאָס רוב פאַרמעגלאַכע מענטשן. דאָ זיינען די הייזער ניט געבויט אויף איין שטייגער, ווי אויף אַנדערע גאַסן. יעדעס הויז זעט אויס ווי אַ פּאַלאַץ, און איר ווייסט ניט וועלכער איז שענער. צום גאַס איז פאַר יעדער הויז אַ גערטל, וואָס באַטאָנט מיט זיינע גרינע בוימלאַך און העלע בלומען די פיינע שטריכן פון די ליכטיק געפאַרבטע הייזער.

נאָך מער ווי די הייזער פון די רייכע איינוואוינער, ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט די קירכן, קלויסטערס און געזעל־שאַפטלאַכע געביידעס, וואָס זיינען צעוואָרפן איבער דער שטאָט. לאָמיר, פאַרבייגייענדיק, אַ קוק טאָן אויף זיי.

אָט איז אַ וואַלדיק-גרויסע געביידע. דורך די פענסטערס זעען מיר עפּעס אַלמערס מיט קליינע קעסטעלאַך און אַ מאַסע

מענטשן אין מונדירן מיט רויטע קאָלנערס אַרבעטן לעם זיי. דאָ איז די הויפּט-פּאָסט, וואוהין עס ווערן צוגעשטעלט בריוו, פּאַקעטן, פּאָסילקעס, געלט איבערשיקונגען און טעלעגראַמען. יעדן טאָג קומען אָן אהין פון אלע עקן לאַנד און פון אויסלאַנד עטלאַכע הונדערט טויזנט שטיק, און אַזוי פיל ווערן אויך אָפּגעשיקט. מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַן ארבעט די פּאָסט-באַאַמטע האָבן: מען דאַרף אַלץ פונאַנדערנעמען, פונאַנדערסאָרטירן, צעטיילן וואָס איז אָנגעקומען, צעשיקן איבער די שטאָטישע פּאָסט-אָפּטיילונגען, אָפּשיקן די פּאָסט אויף די באַנען און אַזוי ווייטער.

די פּאָסט-אָפּטיילונגען זיינען אָפן אַ גאַנצן טאָג און די בריוו-טרעגער טראָגן פונאַנדער יעדע שעה די בריוו און פּאָסילקעס. אין צוויי שעה נאָכדעם, ווי דער בריוו איז מיטן באַן אָנגעקומען אין שטאָט, דערהאלט איר אים שוין ביי זיך אין שטוב. ס'איז אינטערעסאנט ווי אזוי ס'איז איינגעאָרדנט די איבערשיקונג פון שטאָטישע בריוו. דורכן גאַנצן שטאָט זיינען דורכגעפירט אונטער דער ערד באַזונדערע טרויבן. מיט דער הילף פון געפּרעסטער לופט, פליען די בריוו דורך די טרויבן מיט אַ אויסערגעוויינלאַכער שנעלקייט. מען שיקט זיי פונאַנדער אין די פּאָסט-אָפּטיילונגען און פון דאָרטן ווערן זיי פונאַנדערגעטראָגן איבער די הייזער. אַ בריוו, וואָס איז אַדרעסירט געוואָרן אין דער ווייטסטער גאס, ווערט אין אַ האַלבע שעה ארום שוין זיין צוגעשטעלט אויפן אָרט.

אָט איז אַ צייל הייזער מיט גלעזערנע דעכער, וואָס זייַען פון ווייטן ענלאַך צו גרויסע אָראַנזשערייען, צו ווינטער גערטנער. לאָמיר אָקאָרשט אַריינגיין אינעווייניק. דאָס איז אַ מאַרק. טישן זיינען אויסגעשטעלט אין גלייכע שורות. אין יעדער צייל ווערט פאַרקויפט אַ באַזונדער סאָרט פּראָדוקט. אין פיש-צייל

שווימען אַרום אין גרויסע בעקנס לעבעדיקע פיש, אָדער עס ליגן אין קוישן, אויסגעבעט מיט גרינע בלעטער, אַלערליי טויטע פישן. אין פליישׁ-צייל הענגען אויף שטיינערנע סלופּעס גאַנצע פערדי-קעס און עס ליגט אויסגעלייגט צעהאַקטע חלקים אָקסן-פלייש, קאַלב-פלייש, שעפּסן-פלייש, חזיר-פלייש; ווייטער גייט דער גע-פליגל-צייל, דער גרינס-צייל, דער פרוכטן-צייל און אַזוי ווייטער, אומעטום איז אַ מוסטערהאַפטע ריינקייט. די דורכגאַנגען צווישן די ציילן זיינען אויסגעקערט און באַשאָטן מיט זאַמד, די טישן בלישטשען. דער גלעזערנער דאַך פאַרהיט פון רעגן און לאָזט צו צו דער זעלביקער צייט אַ סך ליכט.

אָט זיינען פאַר אונז גרויסע הייזער, וואָס זיינען אויסגע-אַרבעט אין איין קאָליר און פונאַנדערגעלייגט אין אַ האַלב-קרייז, צווישן איז אַ גאָרטן. דאָס איז דער שטאָט-שפּיטאָל. אין איין בנין געפינען זיך אַנשטעקנדיקע קראַנקע, אין צווייטן—ניט אַנ-שטעקנדיקע, אין דריטן זיינען אויפנאַמס-צימערן פאַר קומענדיקע קראַנקע און אַזוי ווייטער.

די, וואָס בעסערן זיך שוין, גייען אַרויס אין שפּיטאָל-גערטלי שפּאַצירן און אָטעמען פרישע לופט. דאָס איז איין שפּיטאָל, און אין שטאָט זיינען פאַראַן עטלאַכע.

חוצדעם זיינען אין אַ סך ערטער איינגעאָרדנט פונקטן פון גיכער מעדיצינישער הילף אין פאַל פון אַן אומגליק. אימיצער צעשעדיקט זיך, פאַרוואונדעט זיך, פאַרטשאַדעט זיך—דאַרף מען ניט פאָרן ווייט אין שפּיטאָל, ווייל איר האָט אַזאַ הילפס-פונקט באָענט, און טאָמער ווייסט איר ניט וואו עס געפינט זיך, גייט צו צום ערשטן רעקלאַמע-ביידל, וואָס שטייט זיך אויף יעדן ווינקל גאַס, און דאָרט איז מיט די גרויסע ווייסע אותיות אויף אַ בלויען גרונט אָנגעשריבן, וואו עס געפינט זיך דער נעענטסטער הילף-פונקט.

מיר גייען ווייטער אונזער וועג. אנטקעגן אונז גייט א חברה קליינע קינדערלאך. מיר הערן זייער געלעכטער און פריי־לאכע קולכעלאך. אָט איז דאָס הויז, פון וואַנען זיי האָבן זיך ארויסגעשאָטן מיט זייערע ביכלאך, העפטן און קוישלאך, אין וועלכע זיי האָבן מיטגעבראַכט זייער אָנבייסן. אפנים, אַז דאָ איז אַן אָנפאנג־שול. יאָ, אזוי איז עס טאַקע, וועגן דעם זאָגן עדות די שילדן אויפן טיר. די שול פאַרנעמט אַ גרויסע, פיל־שטאָקיקע הויז, בייטאָג לערנען זיך אין איר קינדער, און אין אָוונט—דער־וואַקסענע ארבעטער. פאַר זיי זיינען איינגעאָרדנט טישלער־קורסן, וואו מען לערנט שלאָסעריי, טאַפעטן הענגען, איינבינדעריי און אַנדערע מלאכות.

ביי איינִיקע שולן זיינען אויך פאַראַן אומזיסטע פאָלקס־ביבליאָטעקן, פון וועלכע מען גיט אַרויס ביכער אַהיים, און לעזע־זאַלן, וואו מען קאָן זיצן און לייענען.

אָנפאַנג־שולן טרעפט איר כמעט אויף יעדער גאַס, און ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלאך פאַרוואָס, מחמת לערנען זיך מוז דאָ יעדערער, צי ער וויל, צי ער וויל ניט. עלטערן, וואָס שיקן ניט זייערע קינדער אין שולן, ווערן באַשטראָפט.

חוץ די אָנפאַנג־שולן באַגעגענען מיר נאָך א סך שולן—מיטל און הויך־שולן. די געביידעס פון אוניווערזיטעט פאַרנעמען אַ גאַנצן קוואַרטאַל.

אָט שטייט אויף אַ פלאַץ אַ גרויסע הויז. אויפן געזשימס פון דער פאָדערשטער וואַנט, איז מיט גרויסע אותיות אויפגע־שריבן „גייסטיקע שפייז". דאָס איז אַ קאָלאָסאַלע ביבליאָטעק, אין וועלכער עס זיינען פאַראַן איבער אַ מיליאָן ביכער. באַרעכנט וואָס פאַר א עשירות! אין די ביכער ליגן דאָך אוצרות פון מענטש־לאכן געדאַנק! גאַנצע ציילן צימערן זיינען אויסגעשטעלט מיט ביכער־אלמערס. דאָ קאָנט איר געפינען די סאַמע אַלטע און

זעלטנסטע ביכער. אין גרויסן זאל פון ביבליאָטעק זיצן שטענדיק אַ סך מענטשן און לייענען וויסנשאַפטלאַכע ווערק און געניסן „גייסטיקע שפּייז".

מיר גייען ווייטער פאַרביי גרויסע, שיינע געביידעס, וואָס ציען צו אונזער אויפמערקזאַמקייט. דאָס זיינען—מוזייאומס. אין זיי זיינען צונויפגעקליבן זעלטענע שאַפונגען פון קונסט.

אין איינעם—סטאַטועס און סקולפּטורן; אין צווייטן—בילדער. חוצדעם זיינען פאַראַן וויסנשאַפטלאַכע מוזייאומס, אין וועלכע עס זיינען צונויפגעזאַמלט אלערליי זאַכן, וואָס זיינען נוגע דער וויסנשאַפט. פאַראַן אַ זאָאָלאָגישער מוזייאום, אין וועלכן מיר געפינען אָנגעשטאָפּטע פעל פון אלערליי חיות און פויגל, אָנהויבנדיק פון די סאַמע גרעסטע און ענדיקנדיק מיט די סאַמע קלענסטע. דאָ זיינען פאַראַן זאמלונגען פון שמעטערלינגען, באַבאָטשקעס און זשוקעס. סלאָיעס מיט ספּירט, אין וועלכע עס ליגן אַלערליי שרצים ורמשים, און אַזוי ווייטער.

דער דאָזיקער מוזייאום העלפט אַ סך ביים לערנען זאָאָלאָגיע—די וויסנשאַפט וועגן חיות, כדי צו באַקענען זיך מיט אלערליי לעבעדיקע באַשעפענישן, וואָס געפינען זיך אויף דער ערד.

אין אַ צווייטן מוזייאום—אין אַ עטנאָגראַפישן, איז אויפגעקליבן אַלץ, וואָס עס געהערט צו דעם לעבן פון פעלקער. מיר גייען אַריין אין אַ גרויסער, דריי-שטאָקיקער געביידע. אין מיטן פון דער געביידע איז אין איר גאַנצער הויך איינגעאָרדנט אַ גרויסער זאַל, אין וועלכן עס געפינען זיך די גרויסע זאַכן. אָט שטייט אַ גיגאַנטישער שטיין-בילד פון בודדא, אין פאַרגלייך מיט וועלכן דער מענטש זעט אויס ווי אַ ליאַלקע. אָט איז אַ גרויסער אומגעלומפּערטער רייט-וואָגן, אין וועלכן מען פירט איבער אין אינדיען די אָפּגעטער פון איין טעמפּל אין צווייטן. אָט איז אַ צפון-אַמעריקאַנער זייל פון אָפּגעטער, אָט זיינען ריכטיק נאָכגעמאַכטע

טויערן פון אַ באַרימטן בודיסטישן טעמפּל, און אַ סך אַנדערע זאַכן.

ביים גרויסן זאַל פירן ברייטע טרעפּ ארויף. יעדער שטאָק האָט עטלאַכע גרויסע און ליכטיקע זאַלן, אין וועלכע עס געפינען זיך זאַכן, וואָס ווערן געברויכט אין לעבן פון דעם אָדער יענעם פאָלק. אין איין זאַל זיינען פאַרגעשטעלט די פעלקער פון אַפריקע, אין אַ צווייטן זאַל—פון אויסטראַליע און אַזוי ווייטער.

אויב איר אינטערעסירט זיך, למשל, מיט דעם לעבן פון די כינעזער—לאָמיר ארייַנגיין אין זאַל, וואָס איז אָפּגעגעבן געווארן פאר כינא; אויף די ווענט הענגען בילדער און פאָטאָגראַפיעס, וואָס שטעלן פאָר די נאַטור פון דער לאַנד, ווי אויך כינעזישע שטעט און דערפער. אָט שטייט אויפן טיש א מאָדעל פון אַ כינעזיש הייזל, דאָס איז אַ קליינינקע הייזעלע, ווי אַ שפּילצייג הייזל, אָבער נאָכגעמאַכט מיט אלע ברעקלאַך, און מיט דער גאַנצער איינאָרדנונג פון אַנאמתער הויז. דערביי שטייט אַ מאָדעל פון א כינעזישן טעמפּל. אָט שטייט אין אַ גלעזערנעם אַלמער אַ וועקסענע פיגור פון אַ כינעזער, די הויך פון אַ מענטשן. דער פנים איז ווי ביי אן אמתן כינעזער, די שווארצע האָר זיינען פאַרפלאָכטן אין אַ דינעם צעפּל, אויף דער פיגור איז אָנגעטאָן אַ מלבוש און אַ הוט פון אַ פאָלקס-מענטש.

אַ צווייטע פיגור שטעלט פאָר אַ רייכן כינעזער. ווייטער גייען אין די אַלמערס פיגורן פון כינעזישע פרויען און קינדער; נאָכדעם גייען די כינעזישע מעבל, כלי-בית, מלבושים, צירונג, כלי-זין, געצייג, ביכער, בילדער, אָפּגעטער. אָט איז אונטער אַ גלעזערנעם קאָלפּאַק פארגעשטעלט אַ כינעזישע התונה. יעדע פיגורל איז אָנגעטאָן אין אַ געהעריקן מלבוש און טראָגט די געהעריקע זאַך: אַ ליכט, אַ לאַמטערנע און אַזוי ווייטער. אָט איז אַ לויה, נאָך וועלכער עס גייען נאָך אַ הונדערט מענטשן, וואָס

זײַנען פֿארגעשטעלט אין קלײנינקען פֿיגורלאַך. דאָס אַלץ גיט אונז אַ פֿולן באַגריף װעגן דאָס לעבן פֿון די כינעזער, װי מיר װאָלטן דאָרט אַלײן געװען. אױף אַזאַ אופֿן קאָנען מיר זיך אױך באַקענען מיט דעם אַרט לעבן פֿון אַנדערע פֿעלקער.

אַ סך געלט און אַ סך אַרבעט איז אַװעקגעלײגט געװאָרן, אױפֿצוקלײַבן אַלע זאַכן פֿון אַ עטנאָגראַפֿישן מוזײאום. אין פֿאַרשײדענע לענדער זײַנען אַװעקגעשיקט געװאָרן געניטע מענטשן, װאָס האָבן געקױפֿט בײַ דער אָרטיקער באַפֿעלקערונג אַלץ, װאָס זײ האָבן געקאָנט. און װאָס מ׳האָט ניט געקאָנט איבערפֿירן, האָט מען פֿאָטאָגראַפֿירט, אָדער געמאַכט דערפֿון מאָדעלן. דערפֿאַר גיט איצט אַ מוזײאום אַ באַגריף װעגן לענדער און פֿעלקער, װעלכע מיר װאָלטן אפשר קײן מאָל אין לעבן ניט געזען.

מיר האָבן אַרײַנגעקוקט אין צװײ װיסנשאַפֿטלאכע מוזײען, אָבער יעדערער פֿון אַלע איבעריקע מוזײען האָט אַ גרױסע באַדײַטונג פֿאַר יענער װיסנשאַפֿט, װאָס ער שטעלט פֿאָר.

אָט איז אַ שײנע געבײַדע מיט זאַלן—אין אָװנט איז זי העל באַלױכטן. צו איר גײען איבער די ברײטע טראָטואַרן מאַסן מענטשן און עס פֿאָרן צו אַ סך עקיפּאַזשן. דאָס איז אַ טעאַטער, װאו עס קומען פֿאָר פֿארשטעלונגען. אין שטאָט זײַנען פֿאַראַן אַ סך טעאַטערן. אין אײניקע װערן געגעבן פֿאָרשטעלונגען, פֿון װעלכע מען קאָן לערנען עטװאָס נוצלאַכעס; אין אַנדערע זײַנען ניט מער װי פֿארװײַלונגען, װאָס װענדן אָפּ די געדאַנקען פֿון טעגלאַכן זאָרג.

אָט איז אַ גרױסע הױז מיט אַ טורימל, אױף װעלכן ס׳איז פֿאַראַן אַ זײגער, װאָס מען זעט פֿון דער װײַטן. דאָס איז די שטאָטישע ראַט-הױז, װאָס פֿירט אָן די גאַנצע שטאָטישע װירטשאַפֿט. זי זאָרגט פֿאַר די רײנקײט פֿון שטאָט, זי זעט, אַז אַלע שטאָטישע אַנשטאַלטן—שפּיטאָלן, שולן, ביבליאָטעקן, די װאַסער-

לײטונג, קאַנאַליזאַציע און אַזוי װײַטער—זאָל זײַן אין אָרדענונג.

אין דער הויפּט-שטאָט געפינט זיך אויך די פאַרוואַלטונג פון דער גאַנצער לאַנד. דאָ וואוינט דער קיסר אָדער דער פּרעזידענט. אָט זײַנען די גרויסע געבײַדעס פון די מיניסטעריומס. אָט איז אַ גרויסע געבײַדע מיט אַ גלעזערנעם דאַך און מיט שווערע דעמבענע טירן—דאָס איז דער פּאַרלאַמענט, אין וועלכן עס זיצן אויסדערוויילטע פון גאַנצן לאַנד, וואָס באַטראַכטן מלוכה-ענינים און גיבן אַרויס נײַע געזעצן.

# XIV.

באַזונדערע בנינים, גאַנצע שטעט און דערפער, האָבן זיך אַנטוויקלט ביסלאַכווײַז; דאָס גלײַכן האָט זיך ביסלאַכווײַז אַנטוויקלט די אינעווייניקסטע אײַנאָרדענונג פון וואוינונגען.

אַזוי, למשל, פלעגט מען זיך צום אָנהויב אויפהויבן אויף די אויבערשטע שטאָקן דורך אַ צוגעשטעלטן לייטער, און ערשט שפּעטער האָט מען גענומען בויען הילצערנע טרעפּ. דערנאָך האָט מען די הילצערנע טרעפּ פאַרביטן מיט שטײנערנע און טשוגונענע, און ערשט צום סוף האָט מען אין הויכע הײַזער גענומען אײַנאָרדענען הויב-מאַשינען.

אין באַהײצונג זײַנען אויך געמאַכט געוואָרן גרויסע אויסבעסערונגען: צום אָנהויב פלעגט, ווי מיר ווייסן, פשוט אויפגעלייגט ווערן עטלאכע שטײנער, און דערויף פלעגט מען קאָכן געקעכטס. שפּעטער, ווען מען האָט די קיך אָפּגעטײלט פון די איבעריקע צימערן, האָט מען אין די חדרים געמאַכט קאַמינען מיט קוימענס אַרויסצוציען דעם רויך.

דער קאַמין האָט אָבער דעם חסרון, וואָס ער וואַרימט נאָר

כל־זמן אין אים ברענט פייער; ווי נאָר אָבער דער פייער ווערט פארלאָשן, אַזוי ווערט אין צימער קאַלט; האָט מען אין קאַלטע לענדער געגומען פארבייטן די קאַמינען מיט קאַכלנע און אייזערנע הרובעס, וואָס האלטן לאַנג היץ. די אויוונס זיינען באַהייצט געווארן מיט האָלץ, מיט שטרוי, מיט שטיין־קוילן. דערנאָך האָט מען אויסגעקלערט אַ צענטראַלע באַהייצונג פאַר דער גאַנצער הויז. צענטראַלע באַהייצונגען זיינען אויך פאַראַן אַלערליי. פאַראַן אַזאַ, וואָס שיקט פונאַנדער איבער די טרויבן פון אַלע דירות אָנגעוואַרימטע טרוקענע לופט און איר דאַרפט נאָר עפענען די טירעלע, ווי אין שטוב ווערט וואַרים; פאַראַן אַזעלכע, וואָס וואַרימען דורך הייסע וואַסער, וואָס רינעט אין די טרויבן, און פאַראַן אַזעלכע, וואָס וואַרימען מיט פאַרע.

די באַלייכטונג פון הייזער האָט זיך אָנגעהויבן פון בוים־אייל מיט קנוידלאַך, וואָס האָבן געקאָפּטשעט און זייער שלעכט געלויכטן. נאָך ערגער פון די בוימאייל־לעמפּלאַך זיינען געווען די קינעלאַך. מען פלעגט פּשוט אָנצינדן אַ קינעלע, וואָס האָט גיך אויסגעברענט, געפינקלט און געגעבן שוואַכע ליכט. דערנאָך האָט מען אויסגעקלערט ליכט: מען האָט גענומען עטלאַכע פעדים, אויפגעדרייט אַ קנייטל, אָפּגעטונקט אין חלב און געלאָזט פאַרקילט ווערן. אָבער חלבנע ליכטלאַך האָבן זיך אויך גיך געשמאָלצן ביים ברענען, האָט מען גענומען מאַכן וועקסענע ליכט. זיי זיינען שוין געווען גוט, אָבער טייער. צום סוף האָבן זיך באַוויזן היינטיקע סטעאַרינאָווע ליכט, וואָס ברענען גוט און קאָסטן ביליק. אָבער אַז עס זאָל זיין ליכטיק, האָט מען געמוזט אָנצינדן אַ סך ליכט.

אַ גרויסן שריט פאָראויס איז געמאַכט געוואָרן, ווען מענטשן האָבן זיך אויסגעלערנט אָפּצורייניקן נאַפט, וואָס מען באַקומט פון באַזונדערע נאַפט־קוואַלן, און ארויסבאַקומען פונם נאַפט—קעראָסין

אָדער גאַזע.

מען האָט צוגעטראַכט לעמפּלאַך מיט קנייטלאַך און גלע־זער, וואָס ציען די לופט. קעראָסין ברענט העל, און איין לאָמפּ פאַרבייט עטלאַכע ליכט. קעראָסין קאָסט ביליק און יעדער קאָן עס קויפן, דעריבער וועט איר אפילו אין דאָרפישע הײזלאַך גע־פינען אַ קעראָסין-ליכט. קעראָסין האָט אָבער זיינע חסרונות אויך. לאָמפּן, אַז מען ווייס ניט, ווי זיך צו באַגיין מיט זיי, רויכערן סיי און טשאַדן. אַז אַ לאָמפּ צעברענט זיך און דער קעראָסין צינדט זיך אָן, איז אַ צרה! דער ברענענדיקער קעראָסין וועט פון וואַ־זער ניט פאַרלאָשן ווערן, נאָר ער וועט זיך צעשווימען פון אויבן. כדי צו פאַרלעשן ברענענדיקן קעראָסין, דאַרף מען אויבן אַרויפ־וואַרפן אַ שווערע זאַך: א מאַטראַץ, אַ קאָלדרע, אַ טעפּיך.

ווייטערדיקע אויסבעסערונגען האָבן אונז געבראַכט צו ברען-גאַז, וואָס מען באַקומט פון שטיין-קויל. דער גאַז ווערט דורכגעפירט דורך טרויבן צו די גאַז-טרייבלאַך אין די צימערן און צו די גאַס-לאַמטערנעס. אַז מען עפנט אויף דעם קראַן, וואָס מאַכט צו דאָס טרייבל און מען טראָגט צו איר צו אַ אָנגעצונ־דאַנע שוועבעלע, פלאַקערט גלייך אויף אַ געלבלאַכער פייער, וואָס ברענט העל און וועט ניט פאַרלאָשן ווערן, ביז איר וועט ניט צומאַכן דעם קראַן. ברען-גאַז האָט די מעלה, וואָס מען דאַרף זיך ניט עסקן מיט לאָמפּן. ער איז שטענדיק גרייט צום ברענען. אָבער איבערטראָגן אים פון איין אָרט אויפן צווייטן, ווי א לאָמפּ, קאָן מען ניט. גאַז ברענט נאָר דאָרטן, וואו עס איז דורכגעפירט די טרייבל.

ניט לאַנג צוריק איז דערפונדן געוואָרן אַ נייער מין גאַז— אַ ציטירלען, וואָס גיט אַ גלייכן, ווייכן שיין און קאָן ברענען אין לאָמפּן און לאַמטערנעס. לעצטנס האָט מען אויך גענומען געברויכן צום ברענען ספּירט. אָבער די סאַמע ליכטיקע און זי־

כערע באַלײַכטונג איז עלעקטרי. אין פאַרמאַכטע, גלעזערנע לעמפּ־לאַך װערן פאַרפעסטיקט באַזונדערע קױלן־פעדימלאַך, װאָס װערן פון דער עלעקטרישער קראַפט אָנגעברענט רױט און גיבן אַ ליכ־טיקײַט, װאָס קאָן זיך פאַרגלײַכן מיט דער טאָג־שײַן.

אַלע אױסבעסערונגען און פאַרפולקומענהײַטן אין דער בױ־קונסט, האָבן געגעבן דעם מענטשן אַ רײַכן אוצר ידיעות, װאָס ער קאָן איצט אױסנוצן בײַם בױען געבײַדעס.

די העכסטע בױ־קונסט װערט אָנגערופן אַרכיטעקטור. בײַם בױען אַ געבײַדע װערט גענומען אין אַכט ניט נאָר די באַקװעמ־לאַכקײַטן פון דעם בנין, נאָר אױך די שײנקײַט אירע, דעריבער פאַרשטײען מיר אונטער דעם װאָרט אַרכיטעקטור אױך די אױ־סערלאַכע באַצירונג פון דער געבײַדע.

מיר װײסן שױן, אַז די פאַרשײדנאַרטיקײַט אין געבײַדעס זײַנען אַרױסגערופן געװאָרן דורך אַלערלײ באַדינגונגען. דאַרױף װירקן פאַרשײדענע סבות, װי דער קלימאַט און די נאַטור פון דער לאַנד, דער מאַטעריאַל, װאָס איז פאַראַן אונטערן האַנט, די פאַרמעגלאַכקײַט פון דאָס אָדער יענץ פאָלק; פון דער צװײטער זײַט—די זיטן און מנהגים, די אַנטװיקלונג און רעליגיע פון דעם פאָלק. דערמיט דערקלערט זיך, װאָס די מעכטיקע און ציװילי־זירטע מלוכות פון דער אַלטער װעלט, װאָס זײַנען געלעגן צװישן אַ רײַכער נאַטור, האָבן אונז איבערגעלאָזן גרױסע און הױכע אָנדענקונגען פון אַרכיטעקטור: בבל און אשור האָבן איבערגע־לאָזן פּרעכטיקע פּאַלאַצן; מצרים—פּיראַמידן און טעמפּלען; גריכנ־לאַנד און רױם—צירקן, אַמפּיטעאַטערן, עפנטלאַכע בעדער און דאָס גלײַכן.

בנינים, װאָס געהערן צו אײן פאָלק און װאָס זײַנען געבױט געװאָרן אין אײן עפּאָכע אונטער אײנע און די זעלביקע אומ־שטענדן, האָבן צװישן זיך אַ ענלאַכקײַט. די דאָזיקע ענלאַכקײַט

ווערט אָנגערופן אַרכיטעקטור-סטיל. אַרכיטעקטורנע סטילן זײַנען פאַראַן פאַרשידענע.

אַ הויז בויען ווערט געוויינלעך איבערגעגעבן אַן אַרכיטעק-טאָר, וואָס האָט געלערנט די קונסט פון בויען אין אַ באַזונדער בוי-שול. דער אַרכיטעקטאָר צייכנט פריער פון אַלץ אויס דעם פּלאַן פון דעם בנין, דאָס הייסט, ער צעטיילט דעם בנין אויף עטאַזשן, צימערן, צייכנט אָן די ערטער פאַר שטאַלן, אייזקעלערס, שפּײַכלערס. בײַם צוזאַמענשטעלן דעם פּלאַן, דאַרף מען נעמען אין אַכט אַ סך באַדינגונגען. קודם כּל דאַרף מען האָבן אין זינען דעם שטח ערד, אויף וועלכן מען וויל אוועקשטעלן דעם בנין: ווי גרויס איז ער, וואָס פאַר אַ פאָרמע ער האָט, וואוהין גייט ער אַרויס. דערנאָך דאַרף מען באַטראַכטן אויף וואָס איז דער בנין באַשטימט: אויף דירות, צי אויף אַ האָטעל, פאַר אַ שפּיטאָל, פאַר אַ שול, אָדער פאַר אַ ביבליאָטעק. לויט דעם נאָך, דאַרף מען איינטיילן די צימערן און די צופּאַסונגען. אין אַ שול, למשל, דאַרף מען קלאַסן, דירות פאַר לערער, און אַ זאַל. יעדער לער-צימער דאַרף זײַן געננוג גרויס, אַז אין אים זאָלן זיך קענען לער-נען אַ געוויסע צאָל תּלמידים און דאַרף זײַן גענוג ליכטיק. מען דאַרף באַטראַכטן ווי גרויס זאָלן זײַן די פענסטער, וואָס פאַר אַ באַהייצונג איינצופירן, וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל זאָל גענומען ווערן צום בויען און אַ סך אַנדערע זאַכן. דאָס אַלץ דאַרף גענוי אָפּגע-וועגן און אָפּגעמאָסטן ווערן. אויב אין צייכנונג פון פּלאַן איז פאַראַן אַ טעות, קאָן מען עס לײַכט פאַרבעסערן, אָבער אויסבע-סערן דעם טעות אין בנין גופא איז אַ שווערע זאַך, ווײַל מען דאַרף שוין ברעכן און איבערמאַכן.

צוזאַמענשטעלנדיק אַ פּלאַן, פּאַסט זיך דער אַרכיטעקטאָר צו צו דעם סטיל, אין וועלכן ער וועט בויען דעם בנין. פון שיינ-קײַט וועגן, מאַכט מען נאָך די בעסטע געבײַדעס פון פאַרשידענע

צייטן און פארשיידענע פעלקער. אויסער דעם, רעכנט דער אר־כיטעקטאר אויס, ווי טיף דארף זיין דער פונדאמענט, ווי דיק די ווענט זאלן זיין, כדי זיי זאלן קאנען אויסהאלטן די שווערקייט פון דער געביידע. ווען דער פלאן איז אין גאנצן פארטיק, ווערט צוזאמענגעשטעלט א סמעטע—דאס הייסט, מען רעכנט אויס וויפל דער בנין דארף קאסטן.

אז ניט קאן זיך ארויסווייזן, אז מען האט זיך אונטערגע־נומען א זאך, ניט נאך די כוחות נאך. אויב די סמעטע איז צו גרויס, פארקירצט מען זי, ארויסווארפנדיק איינציקע באפוצונגען, וואס דארפן טייער קאסטן. ווען מען בויט א גרויסע געביידע, דארף מען אויסער דעם אלגעמיינעם פלאן, מאכן באזונדערע איינ־צלנע פלאנען פאר יעדן פליגל, פאר יעדער עטאזש, פון יעדן טייל, און אט נאך די דאזיקע פלענער נאך בויט זיך די הויז.

די פארצייטיקע, פרימיטיווע מענטשן איז אפילו ניט איינ־געפאלן, אז עס וועלן אמאל זיין אזעלכע היזער, ווי מיר האבן איצט. ווען מיר זאלן זיך ארומקוקן אהינטער און זען דעם וועג, וואס די בוי־קונסט איז דורכגעגאנגען, מוז מען זיך פארוואונדערן אויף די לענג פון דעם וועג, וואס ציט זיך פון דעם פרימיטיוון מענטשנס וואונדער־געצעלט ביז דעם איצטיקן פאלאץ. און ס'איז קיין ספק ניט, אז דער וועג איז נאך ניט געענדיקט, ווייל מיט יעדער יאר אנטוויקלט זיך די בוי־קונסט אלץ מער און מער.

דאס אלץ זאגט עדות אויף די קראפט פון דעם מענטש־לאכן גייסט, וואס האט געקאנט גובר זיין אלע מניעות, אויף זיין ערפינדונגס־קראפט, וואס פירט אים צו ווייטערדיקע אויסבעסע־רונגען און נצחונות.

סוף

אַרויס פון דרוק:

**אן א לשון, — וו. קאראלענקא.**

אידיש, פסח קאַפּלאַן.

**סאבארא, — מעטש**

אידיש, פ. ראַקאָווסקי.

**יאכים־בער, — טאמפסאן**

אידיש, מר.

**דאמבי און זון, — טש. דיקענס**

אידיש, י. כוואַט.